STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04805

KH'HOB LIB MAYN GAS

Sergei Baruzdin

Permanent preservation of this book was made possible
by Sydney & Isabelle Savrin
in memory of
their parents, William & Anna Savrin and Samuel & Clara Tilin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 7 (55) ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

ביילאַגע צום זשורנאַל נומ. 7, 1985

סערגיי באַרוזדין

כ'האָב ליב מײַן גאָס

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ • מאָסקווע • 1985

אונטער דער אַלגעמיינער רעדאַקציע
פון אַ ר ן וו ע ר ג ע ל י ס

סערגיי אַלעקסייעוויטש באַרוזדין איז אַ באַוווּסטער רוסי־שער שרײַבער. געבוירן געוואָרן אין 1926 אין מאָסקווע. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1946. פאַרענדיקט דעם ליטעראַרישן אינסטיטוט אױף מ. גאָרקיס נאָמען. דעם ערשטן בוך לידער אַרויסגעלאָזט אין 1950. אוטאָר פון פיל פּאָעטישע זאַמלונגען, פּראָזאַישע ווערק און ליטעראַטור־קריטישע עסייען. הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם ליטעראַרישן קינדעש־זשורנאַל „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו״. פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ רײַזע־נאָטיצן „פיר טויזנט קילאָמעטער איבער עגיפּטן״ אין 1970. שפּעטער האָט דער זשורנאַל געדרוקט אַ רײ זײַנע לידער און דערציילונגען אין דער איבערזעצונג אױף ייִדיש. וווינט אין מאָסקווע.

אינהאַלט

די באָבע מאַשע 3
מוזיק 12
די לעוואָנע און די זון 22
יאַן־וואַניטש 27
איך האָב ליב אונדזער גאַס 38
אָנשטאָט אַ נאָכוואָרט: אומשטערבלעכע מענטשלעכקײַט 59

די באָבע נואשע

די שפּעטע עלעקטריטשקע גייט לעם דעם ברעג פונעם יאם. פון דעם ווארעמען יאם, אפילע איצט, אין נאַיאבער. פון איין זייַט — דער יאם, פון דער צווייטער — פאַרשטעט און בערג, וועלדער און ווידער פאַרשטעט. עס שימערירן פייַערן הייַנט אַפּטער, ווי אין געוויינלעכע טעג, און איבערן יאם הענגען, שווימען שטיל וווּנדערבארע וואָלקנס. איניינעם מיטן הימל זעען זיי אויס, ווי א בילד פון אן אומבאוווּסטן מאָלער, ווייַל קיינער פון די באוווּסטע וועט זיך ניט וואגן אָנמאָלן אזא פּראכט.

וואָלקנס שווארצע, לופטיקע, גרויע. גרויסע וואָלקנס און פּיצינקע וואָלקנדלעך, גאָר קלייניקע, עטוואָס גרעסערע, אומגלייבלעך לאַנגע, ווי מע וואָלט זיי אויסגעוואלגערט און אויסגעצויגן אזוי אומנאטירלעך. צוליב וואָס? עפּשער, קעדיי פארווייַלן די מענטשן? אָדער צוליב דער אויסטערלישער שיינקייַט? און עפּשער גלאט אזוי?

פונעם וואגאָן-פענצטער האָט מען געזען די וואָלקנס — איניינעם מיטן הימל און מיטן יאם, מיט די שפּליטערס פון דער פארגייענדיקער זון, פון דער בלייכער קאלטער לעוואָנע, מיט דער שפּיל פון די כוואליעס און פייַלן פראָזשעקטאָרס אפן האָריזאָנט. דאָס זייַנען די גרענעצלעך.

דער באן גייט גיך, כאָטש ער שטעלט זיך אָפּט אָפּ, די וואָלקנס איבערן יאם באוועגן זיך. זיי זייַנען ווי לעבעדיקע. אָט האָט זיך איינער

עטוואָס א רוק געטאָן צום ברעג, צו די בערג, און אָט יענער, דער לענגלעכער, אָן אומנאַטירלעך-צעצויגענער, האָט זיך געענדערט — אופגעהויבן דעם רעכטן ראַנד אַרוף, נעענטער צו דער לעוואָנע, און אַראָפּגעלאָזט דעם לינקן, קימאַט אָפּטויוולענדיק אים אין יאַם. סײַ דער הימל, סײַ די וואָלקנס, סײַ דער יאַם אַליין בײַטן זיך די גאַנצע צײַט, עפּשער דערפאַר, וואָס דער צוג אײַלט זיך, און דער טאָג איז הײַנט ניט קיין געוויינלעכער — א יאָמטעוודיקער.

אַגעוו, זײַנען די מענטשן מיד פונעם יאָמטעוו, און אינעם וואַגאָן איז שטיל, ניט אַזוי ווי ס'איז געווען פריִער, ווען דער יאָמטעוו איז געווען אין פולן ברען. עמעצער טומלט נאָך עטוואָס, נאָר רויִק; עמעצער זינגט, אָבער מידלעך; עמעצער דרעמלט.

— וואַלעריק, שטילער!

א פרוי, נאָך גאָר א יונגע, מיט עטוואָס מערקבאַרע קנייטשעלעך אונטער די אויגן, האַלט אויף די הענט א קינד, איר וואַלעריקן, קוקט אין פענצטער און כאַזערט איבער:

— נו, וואַלעריק!

וואַלעריק, וועלכער איז אַלט ניט מער ווי א יאָר מיט עפּעס, באַרויִקט זיך בא איר אויף די קני, און דאַן, לאַשטשענדיק דאָס קינד, קוקט די פרוי ווידער אין פענצטער. וואַלעריק הייבט אָן שפּרינגען, בושעווען, ער רײַסט זיך ערגעץ און כאַזערט איבער איינס און דאָס זעלבע:

— ליאַ-ליאַ!

— יאָ, דאָס איז א ליאַ-ליע, — זאָגט רויִק די פרוי. — קוק זיך אײַן, סאַראַ פײַנע ליאַ-ליע עפּעס, א פײַנע?

וואַלעריק פּאַטשט מיט די הענטלעך, שפּרינגט אונטער בא דער פרוי אויף די קני און רופט אויס מיט היספּײַלעס:

— או-או! ליאַ! או-או-או! ליאַ-ליאַ-ליאַ!

בישכיינעס, איבער א באַנק, זיצט א יונג פּאָרפאָלק מיט אַן אייפעלע, א מיידעלע. דער פאָטער איז אין א הוט, די מאַמע — אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער קאָסינקע מיט רעשטן פון אויסלענדישע ווערטער, וואָס איז שוין פון לאַנג אַרויס פון דער מאָדע. דער פאָטער איז סאָליד, ער האַלט דאָס מיידעלע אויף די הענט. ער גרויסט זיך זייער, וואָס ער האַלט דאָס קינד, ער קוקט אָפן ווײַב, באַגריסט זיך מיט דער שכיינע און זאָגט צו זײַן טעכטערל:

— זעסט, דו ביסט — ליאַליע! דיך, גערווייגלעך, רופט מען ניט ליאַליע, אָבער פאַר די יִנגעלעך ביסטו — ליאַליע. ליאַליע — דאָס איז וואָס? א ליאַלקע? ריכטיק. א ליאַלקע. און ער ציט זיך צו דיר, ווייל פאַר אים ביסטו א ליאַליע... ריכטיק?

ליאַליע, וואָס איז ניט ליאַליע, פאַרשטייט געוויס קיין זאַך ניט, אָבער זי קוקט מיט אינטערעס אפן פאַטער און אף דער באַנק, וווּ עס זיצט דאָס יִנגעלע וואַלעריק, איר גלייכן, אויך א ליאַליע, אָבער עס ווילט זיך איר ניט ריידן: זי וויל זייער שלאָפן.

— א פייַנינק מיידעלע, — זאָגט די פרוי צו וואַלעריקן, — עמעס, א פייַנינקע?

און זי נעמט ווידער קוקן אין פענצטער, ווען וואַלעריק הייבט אָן אנדרעמלען. הינטערן פענצטער איז דער יאַם און וואַלקאַנס. און זיי זייַנען ווידער אנדערע. שיין איז, דוכט זיך, מער, נאָר די זון האָט זיך באַהאַלטן הינטערן יאַם, און די לעוואָנע לייַכט קוים. זיי זייַנען, אפּאַ-נעם, פאַרבייַגעפאָרן יענע אָרט, וואָס מע האָט צום יאָמטעוו אמערסטן באַלויכטן און פאַרפּוצט. דאָ זייַנען סאַנאַטאָריעס און פּאַנסיאָנאַטן, און זומער — דער בעסטער פּליאַזש. איצט לעבט דאָ, מיסטאמע, אויך עמעצער.

די וואַלקאַנס הענגען און בלאָנקען אַרום — אין דער שיין פונעם יאַם, אין די פייַערן פון פראָזשעקטאָרס. עס איז טאַקע א מאָדנער פאַר-גלייַך, אז וואַלקאַנס זייַנען ענלעך אף כייַעס. אָבער זיי זייַנען פּאָרט ענלעך, זייער ענלעך! אף העלפאַנדן, בעהיימעס, מוילוורפן, קראָליקעס, זשיראַפן, הידרעס. און נאָך — אף אוטאָבוסן, ראַקעטעס, עלעקטריטש-קעס, אַלץ, וואָס ס'איז איצט, און נאָך דערמאָנען זיי אין לאַנגע וועגן, מאַשינען, וואָס זינקען אין בלאָטעס און אין שניי, און „קאַטיושעס", און וואָס איר ווילט, — פון דער מילכאָמע...

אנטקעגן דער פרוי מיט וואַלעריקן זיצט א מיידעלע, נאָך גאָר א קליינינקס, נאָר א בלייכס, מיט בלויע קרייַזן אונטער די אויגן. זי איז גלייַכגילטיק צו אַלעמען און צו אַלץ, זי קוקט ניט אין פענצטער, זעלטן-ווען טוט א מידן שמייכל און אייַצעט:

— דעם קאַלנער פאַריכט אים... וויש אויס דאָס מויל... טו א קוק, ער איז ניט נאַס?

און די פרוי רײַסט זיך אָפּ פון פענצטער, טוט גלײַך אַלץ זײַער פֿלינק און גיך, אַזױװי זי װאָלט ביז איצט עפּעס געטאָן ניט אַזױ און אַצינד אַנטשולדיקט זי זיך פֿאַר איר.

— ניין, ניין, — זאָגט זי. — זע, װי געשמאַק ער שלאָפֿט...

די עלעקטריטשקע גייט, פּאַסאַזשירן װערן אַלץ װייניקער. װאַלעריק שלאָפֿט. פֿאַרמאַטערט, נעבעך.

א טונעל. װידער איז פֿון רעכטס דער יאַם, און פֿון לינקס א טאָל.

ס'איז שוין נאַכט, און די זון איז פֿאַרשװוּנדן אינעם יאַם, נאָר עס שײַנט די לעװאָנע, ניט אַזױ, װי פֿריִער, נאָר העל און הייס, כאָטש קיינ־מאָל איז אַזױ ניט געװען, נאָר עס איז דאָך יאָמטעװ, דאַרף הײַנט אַזױ זײַן.

אויף איינער פֿון די סטאַנציעס איז דער װאַגאָן אינגאַנצן געבליבן א פּוסטער. נאָר עמעצער איז אַרײַן. און צװישן די אַרײַנגעקומענע מיטאַמאָל:

— מאַשע, מאַשענקע? דו, צי ניט דו?

זי האָט אופֿגעציטערט, זיך דערשראָקן פֿאַר װאַלעריקן און פֿאַר דער טאָכטער, נאָר גיך גענומען זיך אין די הענט און אַפֿילע פֿאַריכט די האָר:

— קאָליע? װי קומסטו אַהער?

און װידער, אויף יעדן פֿאַל, א װיג געטאָן װאַלעריקן, ער איז אָבער געשמאַק געשלאָפֿן. זי האָט גענומען א טיכעלע, אים אויסגעװישט דאָס נעזל און דאָס מױל, און האָט א קוק געטאָן אויף קאָליען:

— צי דען ביסטו עס? גאָט מײַנער!..

די לעצטע װערטער האָט זי ניט אַרויסגערעדט אויף א קאָל, נאָר פֿאַר זיך.

ער איז פֿאַרבליבן דער זעלבער, װי געװען. עס זײַנען אָבער דורכ־געגאַנגען אַזױפֿיל יאָרן, און זיי האָבן זיך ניט געזען. און ביכלאַל איז עס שרעקלעך — טרעפֿן זיך אַזױ אומגעריכט, װען אויף יענער זײַט פֿענצטער פֿון דער עלעקטריטשקע זײַנען אַזעלכע װאָלקנס...

— נו, דערצייל! װאָס מאַכסטו? װאָס, דאָס איז דײַנער? — ער האָט באַװיזן אויף װאַלעריקן.

— מײַנער, — האָט זי געזאָגט. — מײַן אייניקל, פֿאַרשטייסט? — פֿון איר פּאָנעם איז פֿאַרשוווּנדן די מוירע פֿאַר דער אומגעריכטער באַ־געגעניש, עס זײַנען אויסגעלײַטערט געוואָרן די קנייטשעלעך, און זי איז גרייט געווען זיך וואַרפֿן צו אים, זיך וואַרפֿן... ווען וואָלט ניט געזעסן בא איר אויף די קני.

— וואָס פֿאַר אַן אייניקל, וואָס רעדסטו? הייסט עס, אַז דו ביסט אַ באָבע, מאַשע? — ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער פֿלעגט עס שטענדיק פֿריִער טאָן, און איבערגע־פֿרעגט: — דו ביסט דאָך אַ יונגע, מאַשקע, מאַשענקע!

זי האָט געשוויגן, און ער האָט פֿאַרשטאַנען:

— זײַ אויף מיר ניט בארויגעז. כ'האָב הײַנט אויסגעטרונקען... יאָמ־טעוו! דו געדענקסט אפּרעלעווקע? דאָס איין־און־פֿערציקסטע? דו גע־דענקסט?

— ווי זשע?

— און דאָרעם־מײַרעוו? געדענקסט?

— ווי זשע?

— און דעם שפּיטאָל אונטער קעניגסבערג?

— נאָך אַ מין...

— און נאָך דער מילכאָמע נאָוואָסיבירסק, דאָס אקאדעם־שטעטל? זי האָט דען געקענט פֿאַרגעסן?..

ער איז איצט געזעסן מיט איר זײַט בא זײַט, אויף איין באַנק פֿון דער עלעקטריטשקע, פּונקט אַזאַ, ווי ער איז געווען אין איין־און־פֿער־ציסטן, צוויי־און־פֿערציקסטן, דרײַ־און־פֿערציקסטן, פֿיר־און־פֿערציקסטן, פֿינף־און־פֿערציקסטן און נאָך דער מילכאָמע אין נאָוואָסיבירסק. ער האָט זיך גאָרניט געענדערט! קיין קאָפּ ניט! און אויב ער האָט זיך יאָ געענדערט, וועט זי עס ניט דערזען, ווײַל זי אַליין האָט זיך אויך גע־ענדערט.

— דו האָסט היפּש אויסגעטרונקען, קאָליע, — האָט זי געזאָגט, ניט געפֿינענדיק, וואָס צו זאָגן, אָבער אָן אַ פֿאָרוווּרף.

— כ'דערקען דיך, מאַשענקע, — האָט ער געזאָגט. — כ'דערקען דיך, און דו שטעלסט זיך גאָר ניט פֿאָר, ווי איך בין צופֿרידן, וואָס איך זע דיך... ווי טײַוואָלאָניש נאַריש ס'איז דאָס לעבן!

— דו האָסט טאַקע אויסגעטרונקען, — האָט זי איבערגעכאַזוערט שטיל און זיך דערמאָנט אין וואַלעריקן.

וואַלעריק האָט זיך א דריי געטאָן בא איר אף די הענט און זיס געסאָפּעט.

— און דאָס איז מײַן טאָכטער, קאָליע, — האָט זי זיך דערמאָנט און געוויזן אף דער קעגנ׳יבערדיקער באַנק.

— ווערע, — האָט געזאָגט ווערע, קימאַט א מיידעלע, א בלייכס, מיט בלויע רייפן אונטער די אויגן, — זייער אָנגענעם!

— מיר אויך, — האָט ער געזאָגט אין פאַרלעגנהייט.

— מאַם! שוין צײַט, — האָט מיטאמאָל געזאָגט ווערע. — אונד־זערע איז די קומענדיקע. נאָר כ׳בעט דיך, וועק ניט אוף וואַלעריקן...

— יאָ, יאָ, יאָ, כ׳וועל ניט אופוועקן, — האָט זי צוגעזאָגט ווע־רען.

די עלעקטריטשקע האָט זיך גערירט פון דער סטאַנציע. מע האָט געדאַרפט אופשטיין. זייערע — איז די קומענדיקע.

— שוין צײַט, — האָט זי געזאָגט.

— מאַשע, מאַשענקע... — האָט ער עפּעס געפרוווט זאָגן. — ווען דו ווייסט!

— איך ווייס, קאָליע, איך ווייס, — האָט זי געזאָגט, — נו, דער־ווײַל...

אף זייער סטאַנציע זײַנען זיי ארויס פון וואַגאָן. דאַנקען גאָט, איצט האָט וואַלעריקן קיין זאַך ניט געשטערט — ער האָט פאַרגעזעצט שלאָפן בא איר אף די הענט...

ווערע האָט איר געזאָגט:

— מאַם, איך בעט דיך, פאַרזיכטיקער, אויב וואַלעריק וועט זיך אופכאַפּן...

— איך ווייס, איך ווייס, — האָט זי איבערגעכאַזוערט.

און מיטאמאָל, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וועכעזשבן פאַרוואָס, איז זי אוועק צוריק איבער דער פּלאַטפאָרמע מיט וואַלעריקן אף די הענט צו יענעם פענצטער פון וואַגאָן. זי האָט עס באַלד דערקענט. און ער איז, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען בא יענעם פענצטער.

— קאָליע, — האָט זי אויסגעשריִען, — איך האָב דיר געוואָלט פרעגן...

ער האָט גאָרנישט ניט געקענט פאַרשטיין, ער האָט געשמייכלט, געקושט זי דורך דעם צווייענדיק פאַרכאַסמעטן אָף ווינטער פּענצטער און איז געווען אַזאַ, ווי אַמאָל.

— מאַם, נו וואָס טוסטו? — האָט געפרעגט ווערע, — קום אהיים, איך בעט דיך! איך בין דאָך אַזוי מיד, און וואַלעריק...

— יאָ, יאָ, קום, — האָט זי געזאָגט שולדיק. — און פאַר וואַלע־ריקן זאָרג זיך ניט. גיב אַ קוק, ווי רויק ער שלאָפט.

זיי זײַנען געגאַנגען אהיים. מאָדנע זײַנען געווען די כמאַרעס איבערן יאַם און איבער די בערג, זיי האָבן זיך געענדערט, אָפּהענגיק פונעם שטאָרם, וויכער אָדער פון אַ געווײַנלעך ווינטל. און עס זײַנען געווען עלעקטריטשקעס נאָך שפּעטערע, פון וועלכע עס זײַנען אַרויס־געשטיגן יונגע כעוורע מיט גיטאַרעס און באַנדזשאָס. און עס איז געווען דער יאַם, און אַ יאַם פון פײַערן לעקאָוועד דעם יאַמטעוו.

דאָס אַלץ האָט געפרייט.

— מאַם, און ווער איז יענער זיידע? — האָט געפרעגט ווערע, ווען זיי זײַנען געגאַנגען אהיים, און טייקעף צוגעגעבן: — ביכלאַל איז הײַנט אַלץ אַזוי שיין! עמעס? אי די פײַערלעך, אי די רעקלאַמעס, און אַלץ! וועק נאָר ניט אויף וואַלעריקן.

— כ׳וועל ניט אויפוועקן.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו זייער שטוב און רויק אײַנגעלייגט וואַ־לעריקן שלאָפן. איצט איז שוין געווען ניט שרעקלעך, וויבאַלד ער האָט איבערגעטראָגן די נעסיע און שלאָפט, וועט אַלץ זײַן גוט.

עטוואָס שפּעטער פון צוועלף האָבן זיך די מוטער און די טאָכטער אויך געקליבן לייגן שלאָפן.

— איך ווייס ניט, ווי דו, מאַם, נאָר איך בין הײַנט זייער מיד, — האָט געזאָגט ווערע. — אויב נאָר וואַלעריק...

— גיי, אַ גוטע נאַכט, און אָף וואַלעריקן וועל איך אכטונג געבן, — האָט זי געענטפערט. — גראָד הײַנט בין איך קיין קאַפּעלע ניט פאַר־מאַטערט. גיי!

פונעם יאַם האָט געווייעט מיט פרישער, געזאַלצענער מעכײַעדיקער לופט. מע האָט ניט געזען קיין וואָלקנס, ניט קיין קאָמישע און ניט קיין שרעקלעכע, ניט קיין שפּילעוודיקע און ניט קיין אומפאַרשטענד־לעכע. ווײַזט אויס, די וואָלקנס זײַנען ערגעץ אוועק — אָף יענער זײַט,

אָדער אַף דער, צו די בערג, און די בערג... די בערג האָבן ניט מוירע פֿאַר קיין שום וואַלקַנס. וואַלעריק איז געשמאַק געשלאָפֿן. אַפֿילע ווען מע האָט פֿון אים אַראָפּגענומען אַלע זאַכן, האָט ער זיך ניט אופֿגעכאַפּט. ווערע איז, דוכט זיך, אויך געשלאָפֿן. זי איז היינט זייער פֿאַרמאַטערט. ניט אינגאַנצן קלאָר, פֿאַרוואָס, נאָר וויבאַלד זי איז פֿאַרמאַטערט... אַזוי-אָ אַ נייער דאָר...

— מאַם, — האָט זי דערהערט פֿון דעם שכיינעסדיקן צימער.

— וואָס?

— קום אַהער צו מיר, — האָט געבעטן ווערע. — וואַלעריק שלאָפֿט?

— ער שלאָפֿט...

— און דו טוליע זיך צו מיר צו, גוט? — האָט זי געבעטן. — זיי אַף מיר ניט בארויגעז, גוט?

אַ מיידעלע, נאָך אינגאַנצן אַ מיידעלע, אַן אומשולדיקע און הילפֿלאָזע, אַ בלייכע, מיט בלויע קרייזן אונטער די אויגן, האָט געקוקט אַף איר מוטער. און אַליין איז זי שוין אויך געווען אַ מוטער.

— און ווער איז דער זיידע, מאַם? אָט יענער, אינעם צוג?..

איר איז זייער שווער געווען צו ענטפֿערן אַף דער פֿראַגע, זי איז נאָך אַלץ געווען צעטרודערט פֿון דער באַגעגעניש:

— קאָליע?

— יאָ, דו האָסט אים אָנגערופֿן „קאָליע", און ער דיך — „מאַשע, מאַשענקע"... ער איז אַזאַ אַלטער, אַ סימפּאַטישער, ווער איז ער, מאַם? צוערשט איז זי אופֿגעבראַכט געוואָרן:

— ווערקע, ווי שעמסטו זיך ניט! פֿאַרוואָס — „אַן אַלטער"?

— נו, ניט קיין אַלטער, אַן עלטערער מענטש.

זי האָט פֿאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך:

— איך האָב באַ דיר ניט געפֿרעגט און איך פֿרעג ניט, ווער איז וואַלעריקס טאַטע.

— מאַם! פֿאַר דעם, וואָס דו האָסט ניט געפֿרעגט — אַ דאַנק, נאָר איך בעט דיך, זיי אַף מיר ניט בארויגעז. איך פֿרעג דאָך ניט דערפֿאַר... ער האָט דיך אָנגערופֿן באָבע מאַשע.

ווערע האָט גערעדט אַזוי צערטלעך, ווי קיינמאָל פֿריִער.

הינטערן פענצטער האָט מען ניט געזען ניט דעם יאַם, ניט דעם הימל, ניט די בערג, ניט די וואָלקנס. וווהין זײַנען זיי פאַרשוווּנדן, אוועקגעשוווּמען, די וואָלקנס? זיי זײַנען געבליבן הענגען איבערן יאַם, זיך אוועקגעטראָגן צו די בערג? זיי זײַנען אוועק אָף דער אנדערער זײַט יאַם, צי פאַרגליווערט געוואָרן? די שטוב איז ניט קיין עלעקטריטשקע, זי באַוועגט זיך ניט, און דערפאַר זעט מען פונדאַנען ניט די וואָלקנס, כאָטש זיי זײַנען אַזוי שיין.

— מאַם!

— נו וואָס, ווערקע?

— און פונדעסטוועגן, ווער איז ער, אָט דער, נו זאָל זײַן ניט קיין אלטער?

— ווי זאָל איך דיר זאָגן, טאָכטערקע... ווען דו וואָלסט זיך געלערנט ווי עס געהער צו זײַן, וואָלסטו אים געדענקט פון די לערנביכלעך און אנדערע ביכער. בירגערקריג. פאַטערלענדישע מילכאָמע. א גענעראַל-לייטענאַנט. דערנאָך — סיביר, נײַבויונגען. ער איז נאָך געווען אין אַרמיי. ער האָט געאַרבעט אינעם אַרמיי-שטאַב. ער האָט אונדז געהאָלפן בויען דאָס אקאַדעם-שטעטל. אָט אַזוי. פון דעמלט האָבן מיר זיך ניט געזען...

— און נאָך? — האָט געפרעגט ווערע.

— וואָס נאָך?

— וועגן אים נאָך! — האָט ווערע געבעטן.

די פרוי, די באָבע מאשע, האָט א קוש געטאָן די טאָכטער און געזאָגט:

— איך וועל גיין צו וואַלעריקן. טאָמער כאַפּט ער זיך פּלוצעם אוף. שלאָף רויִק. גוט? ס'איז שוין שפּעט.

דערציילן ווערען, אז קאָליע איז איר פאָטער, איז נאַריש. אפילע קאָליע ווייסט וועגן דעם ניט. און היינט אין עלעקטריטשקע האָט ער ניט פאַרשטאַנען, אז ווערע — דאָס איז זײַן ווערע. ער האָט געזען נאָר זי, מאַשען, די באָבע מאשע. צוליב וואָס דערציילן וועגן אַזוינס? ס'איז אַזוי קאָמפּליצירט. כאָטש ווערען איז שוין פיר און צוואַנציק. נאָר צוליב וואָס?

וואַלעריק איז געשלאָפן. ווען זי איז אַרויס אפן באַלקאָן, איז אָף דער גאַס שוין געווען אינגאַנצן רויִק, ווי אין געוויינלעכע טעג. דער

יאָם און דער הימל האָבן זיך שוין געקאָנט באגיין אָן דער הילף פון די יאָמטעוודיקע אילומינאציעס. פארבליבן זיינען בלויז די ביי־גרענעץ־פּראָזשעקטאָרס. קיין וואָלקנס זיינען אינגאנצן ניט געווען. ערגעץ פארשווונדן...

מוזיק

א קאָמאנדירונג. א סאָבאָר, אן אָרגאן. א לעקציע. דער אוניווער־סיטעט. באך. אוליאנאָווסקער אָרקעסטער. עסטלענדישער כאָר. לעט־לענדישער אנסאמבל פון פידלער. גענדעל, טשייקאָווסקי, גיידן, בעט־האָווען, באָראָדין, און פריער אינגאנצן אומבאוווּסטע — עקעלס, רע־גער, פראנק, בוקסטעכודע.

מוזיק. ווען האָט ער זי ליב געהאט? און ניט פארשטאנען, און דאָ... פרעליודיע און פוגע רע מאזשאָר.

* * *

מאָדנע, צוליב וואָס איז ער געקומען אהער? אין קאָמאנדירונג איז ער געווען אויך פריער, אָבער זיי זיינען געווען זאכלעכע — אף זא־וואָדן, ווו מע פלעגט פארענדיקן די ארבעט איבער ספּוטניקעס און קאָסמישע שיפן, צוויי מאָל — אף קאָסמאָדראָמען. דאָרט איז אלץ גע־ווען קלאָר. אָדער א דערפאָלג, אָדער א דורכפאל. נאָך א דערפאָלג איז געווען א גרויסע פרייד. און באלוינונגען, וועלכע ער האָט באקו־מען מער, ווי פאר אלע יאָרן פון דער מילכאָמע. דערפאָלגן זיינען געווען מער, ווי דורכפאלן, נאָר דורכפאלן פארווונדן שטארקער.

און בכלל איז געווען ניט אזוי פיל קאָמאנדירונגען. ווען דו האָסט א לאבאָראטאָריע און דו ביסט פאר איר פאראנטוואָרטלעך, קאָנסטו דען זיך ארויסרייסן? אין אורלויב איז ער אויך געגאנגען איין מאָל אין דריי־פיר יאָר. און בייסן אורלויב האָט ער אויך געהאט ארבעט, די סאמע

גליקלעכע. פאָרמולעס, עקספּערימענטן — אַלץ, וואָס ער האָט ניט באַוויזן אויפטאָן אף דער ארבעט. און מע האָט עס טאקע ניט געקאָנט טאָן. דאָרט זײַנען דערנעבן מענטשן, און ווען דו טוסט עפּעס דײַנס, מוזסטו פארבלײַבן אויג אף אויג מיט זיך. דאָס בעסטע פלעגט זיך בא אים באַקומען גראָד אין אַזוינע שאָען, טעג און וואָכן, אויב אַזעלכע פלעגן זיך טרעפן.

און אָט — די קאָמאַנדירונג.

אין האָטעל האָט מען אים קיין אָרט ניט געגעבן, מע האָט געזאָגט:

— ס'קאָן זיך מאכן עפּעס-וואָס מאָרגן...

און זיי זײַנען טאקע געווען גערעכט.

דו וועסט דאָך ניט גיין דערקלערן, ווער און וואָס דו ביסט, און אויב ערנסט א קלער טאָן, איז דײַן קומען צוליב איין לעקציע, און דערוויײַל עפּעס אומקלאָרע באַגעגענישן און שמועסן, לאַכלוטן ניט קיין סיבע, מע זאָל דיך דארפן אײַנאָרדענען אין א פרעמדער שטאָט.

גערעכט איז די הארבע אדמיניסטראַטאָרשע!

ער אַליין האָט אויך געפרעגט, ווען ער איז ניט מאסקים געווען צו פאָרן:

— צוליב וואָס?

נאָר מע האָט געזאָגט:

— מע דארף! איר פארשטייט, מע דארף, איר זײַט דער סאמע... אײַך... גראָד אײַך דארף מען דאָרט האָבן זייער נייטיק!

דעם אָוונט און ביז האַלבער נאכט האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבער דער פארשנייטער און עפּעס זייער ניט קיין ענלעכער אף א רוסישער שטאָט.

ניין, דאָס איז ניט אזוי, ניט אינגאנצן אזוי. גוט, וואָס אין די הענט האָט ער נאָר א פּאפּקע מיט קליינקײַטן, און עמעצער האָט אים נאָך געראָטן נעמען א טשעמאָדאנדל.

די שטאָט איז מיט עפּעס ענלעך געווען אפן קאַלטן לענינגראַד און אף פאריזש, אויב אורטיילן וועגן איר לויט קינאָ-פילמען און טעלעוויזיע, און אף עפּעס זייער אוראַלטס, באַזונדערס מיט די אַלטע געסלעך. מיטלאַלטער? ס'קאָן זײַן...

נאָר ס'איז געפאלן א שניי, געפאלן א ווארעמער און צארטער,

און די אַלטע געסלעך מיט די לאַמטערנס און מיט די לעמפּלעך איבער די פּאַראַדנע טירן, מיט די האַלב-באַלויכטענע פענצטער און פינצטערע ווענט זײַנען געווען שיין.

ער האָט מיטאַמאָל זיך דערמאָנט וועגן יורין, יורי גאַגאַרינען, זײַן ייִנגערן גוטן-פרײַנט, וועלכן מע קאָן שוין איצט פּאַשעט ניט אָנרופן באַם נאָמען, און אַ קלער געטאָן: „ער איז דאָ, דאַכט זיך, ניט געווען?"

ער האָט אַ קלער געטאָן: „כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער, זיי האָבן מיך ניט אַרײַנגעלאָזט אין האָטעל! און איך בין דאָ!"

צוליב דעם איז טאַקע קעדײַ געווען צו קומען אַהער.

אַרויסגייענדיק פון עפּעס געסלעך און הינטערגעסלעך, קרומע און פינצטערע, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ פּלאַץ און דערזען אַ ריזיקן קלויסטער-סאָבאָר. זייער אַ הויכער, אַפילו באַנאַכט האָט ער זיך גע-צויגן אין דער הייך און איז אים מיט עפּעס געווען זייער באַקאַנט. מיט וואָס?

יאָ, ס'זײַנען געווען פּונקט אַזעלכע. ווו? בײַם דער מילכאָמע? יאָ, בײַם דער מילכאָמע. אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָ-וואַקיע? דאָרט זײַנען אויך אַזעלכע סאָבאָרן, נאָר אָט דער סאָבאָר...

און ער האָט זיך דערמאָנט... קראָקאָוו. דאָס פינף-און-פערציקסטע, יאַנוואַר. מע האָט דעמאָלט גראַטעוועט די שטאָט, מע האָט דעמאָלט מע-קאַבער געווען די אומגעקומענע. דערנעבן איז געווען אַ סאָבאָר, פּונקט אַזאַ, קימאַט פּונקט אַזאַ, און ווען מע האָט אַראָפּגעלאָזט אין קייווער די פרײַנט, האָט דער סאָבאָר פּלוצעם זיך צערעדט, ווי ער וואָלט אַ זיפץ געטאָן: עס האָט אָנגעהויבן שפּילן דער אָרגאַן. עמעצער פון די פּאָ-ליאַקן האָט אַרײַנגעבלאָזן לעבן אין די אײַנגעווייד פון עם אָרגאַן, און זײַן קלאַנג — אַ טראַגישער און מוטיקער — האָט פּאַרטויבט אונדזער שוואַכינקן מיליטערישן אָרקעסטער.

דאַן איז דערנעבן געווען נינע. דער וואָיענפעלדשער נינאַ קאָראָ-ליאָווע. נינאַ פיאָדאָראָוונאַ. פון מאָסקווע. מיט אים אין איין עלטער. ניט פאַרשטענדלעך פּאַרוואָס, נאָר זי איז געווען פונעם אָטריאַד פון יאַם-פעכאָטע, און די יאַם-פעכאָטע האָט געשטורעמט קראָקאָוו. דאָס אַלץ האָט אים דערנעענטערט מיט איר, און ניט נאָר דאָס. ער איז אָבער דאַן געווען אַ נאַר, דער אַכצניאָריקער ייִנגערער לייטענאַנט. און זי איז, דוכט זיך... אין דרעזדען האָבן זיי זיך צופעליק באַגעגנט, דער-

נאָך אין פּראָג. און וואָס איז געווען דערנאָך? אין עסטרײַך און אין אונגארן האָט ער זי שוין ניט געזען.

א באנאכטיקע שטאָט. ווינטער. שניי. א לינדער וועטער. און דערנעבן א סאָבאָר, אזא קענטלעכער, כאָטש...

סײַוויסײַ איז גוט. ניט ארײַנגעלאָזט אין האָטעל — גוט. אָט א נארישע קאָמאנדירונג — ווידער גוט. מיילע...

לעבן סאָבאָר און שפּעטער אין די דערבײַיִקע גאסן האָט ער באמערקט אפישן, באשיידענע און גרויסע, רוסישע און אָרטיקע. און ווידער אן אנטדעקונג: דאָ, אין אָט דעם סאָבאָר, לאָזט זיך אויס, איז פאראן א זאל, און מע קאָן הערן אָרגאן-מוזיק.

ער פארשטייט גאָרנישט ניט אין אָרגאן-מוזיק. ביכלל—אין מוזיק. נאָר מע דארף זי, אפּאָנעם, הערן.

* * *

ווען ס'האָט שוין גענומען שאַריִען אף טאָג, האָט זיך אים פארוואָלט אָפּרוען. הײַנט איז בא אים א לעקציע אין אוניווערסיטעט. ער וועט, פארשטייט זיך, דערציילן די סטודענטן וועגן אלץ, וואָס מע קאָן דערציילן, און וועגן דעם, אויב ניט זײַן צו באשיידן, אז אין א סאך פליאפּאראטן איז פאראן א כיילעק פון זײַן מי, ריכטיקער געזאָגט, אין אלע פון זיי האָבן אָנטיילגענומען די מיטארבעטער פון זײַן לאבאָראטאָריע, ווײַל אָן ברענשטאָף, דאָס פארשטייט דאָך יעדער איינער, קאָן זיך קיין איין אווטאָבוס ניט באגיין אף דער ערד, און דאָס זעלבע — מער קאָמפּליצירטע מאשינען... אין הימל. און דאָ, אף דער ערד, ווי ער ווייסט, איז פאראן זײַנער א מאכשיר, ריכטיקער געזאָגט, זייערער א מאכשיר, מע האָט אים דערפונדן אין זײַן לאבאָראטאָריע, וועלכער קאָנטראָלירט און באשטעטיקט די ווירקונג פון ברענשטאָף בא גרויסע שנעלקײַטן און בא א גרויסן אטמאָספער-דרוק. דערנאָך דארף ער זיך באגעגענען מיט די פּראָפעסאָרן פונעם אוניווערסיטעט, ער דארף באזוכן די וויסנשאפט-אקאדעמיע און, דוכט זיך, די געזעלשאפט „זנאניִע".

ער האָט זיך אוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג צום וואָקזאל, קעדיי כאָטש דאָרטן געפינען א שטול און כאָטש אף וויפל-ניט-איז זיך צוזעצן. נאָר מיטאמאָל האָט ער דערזען א נאכט-קאפע. דאָס איז פּאָשעט געווען א נעס! און ווען ער איז אהין ארײַן און מע האָט בא אים גענומען פיר

רובל („הײַנט איז ניטאָ קיין ספּעציעלע פּראָגראַם"), איז ער געווען גליק־לעך און צופרידן, ווען ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט די וואַרעמקײַט און קלאַנגען פון ראַשיקער מוזיק.

א כײנעוודיקע פרוי איז צו אים טײקעף צוגעגאַנגען, ווי נאָר ער האָט זיך געזעצט בא א באַזונדער טישל, און געזאָגט:

— גוטן־אָוונט! אויסער דעם אָנגעוויזענעם, וועט איר עפּעס באַשטעלן? איר זײַט אַליין?

אים איז געפעלן געוואָרן די פרוי און די געמיטלעכקײַט פון דער קאַפע, די העפלעכקײַט, צו וועלכער ער איז ניט געוווינט געווען, און דערפאַר האָט ער געענטפערט.

— גוטן־אָוונט! אַלץ, וואָס איר וועט פאָרלייגן, איך בין אַליין. — און האָט צוגעגעבן האַלב אין שפּאַס: — נאָר אויסרעכענענדיק, איך זאָל פאַרהיטן מײַן פיגור! גוט?

די פרוי האָט זיך פאַרויטלט און מיט א שמייכל געזאָגט:

— נו, לויט מײַן מיינונג, דראָעט אײַך ניט אזא געפאַר. איר זײַט אזא עלעגאַנטער.

אין דער רגע האָט זיך אים מיטאַמאָל דערמאָנט דער זאַל אין סאָבאָר און אז מע דאַרף ניט פאַרגעסן נעמען אינדערפרי בילעטן, ווײַל ס'קאָן זיך מאַכן, ס'איז ניט אַזוי פּאַשעט.

* * *

וויאַזוי דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, איז שווער צו זאָגן.

זי האָט אָנגערופן איר נאָמען — אָליע, האָט ער געפרעגט דעם פאָטערנאָמען.

— וואַסיליעוונא, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט זי עפּעס ניט געקאָנט אָנרופן אָן דעם פאָטערנאָמען, כאָטש זי איז, אין פאַרגלײַך מיט אים, א מיידעלע, זייער א יונגע.

ווען זי פלעגט צוגיין צו זײַן טישל, וועגן עפּעס פרעגן, און ער האָט עפּעס געדאַרפט ענטפערן, פלעגט ער איר ענטפערן און דערבײַ געברויכט ווערטער, וועלכע זײַנען אים געווען פרעמד, און אַלעמאָל:

— אָלגאַ וואַסיליעוונאַ...

אין קאַפע האָט זיך איצט געהערט א שטילע, אומפאַרשטענדלע־כע טויבע מוזיק.

— עס געפעלט אײַך?

און ער האָט געענטפערט:

— יאָ, עס געפעלט מיר.

אָלגא וואסיליעוונא איז געווען א שיינע, אַן אופמערקזאמע און זייער א יונגע, און ער האָט זי ניט געקענט באַליידיקן. און אים איז דאָ געווען גוט.

אינדערפרי, ווען די קאפע האָט זיך פארמאכט, זײַנען זיי ארויס אינײנעם. אזוי האָט זיך באקומען. ער האָט עפּעס געזאָגט, און אָלגא וואסיליעוונא האָט אים געבעטן:

— איר וועט אַף מיר צוווארטן? איך וועל אין איין מאָמענט, אָבער אַף דער גאס און ניט לעבן דער קאפע, עטוואָס אַף לינקס. גוט?

ער האָט געווארט, און דערנאָך זײַנען זיי אינײנעם געגאנגען איבער דער באנאכטיקער שטאָט. כאָטש אפן זייגער איז שוין קימאט געווען אינדערפרי, נאָר ווינטער איז ווינטער, און ביז טאָג איז געווען נאָך ווײַט.

— און איר זײַט ניט געווען פארהייראט? — האָט זי געפרעגט.

אים האָט זיך אויסגעוויזן לעכערלעך צו ענטפערן אַף אָט דער פראגע, אויך אין דעם האָט זיך געפילט איר יונגקייט.

— ניין, ניט געווען... ס'האָט זיך עפּעס ניט באקומען.

— פארוואָס? — האָט זי געפרעגט.

— ווי זאָל איך אײַך זאָגן, אָלגא וואסיליעוונא? כ'האָב אמאָל ליב געהאט א פרוי, נאָר דאָס איז שוין געווען פון לאנג, בייס דער מיל־כאָמע... און דערנאָך... אָט אזוי איז עס שוין פארבליבן...

— און קינדער האָט איר ניט? — האָט זי פּלוצעם געפרעגט.

ער האָט זיך פארלוירן און האָט א שפּאס געטאָן:

— אז ס'איז קיין ווײַב ניטאָ, זײַנען, פארשטייט זיך, קיין קינדער אויך ניטאָ.

ווי זאָל ער זיך אופירן מיט איר, וועגן וואָס ריידן — האָט ער ניט געוווּסט. נאָר עפּעס איז אים געווען אזוי אָנגענעם, וואָס זי גייט זײַט בא זײַט מיט אים, אזא יונגע און שיינע, און ער איז איר ניט דערוויי־דער, נייטיק.

וויפל איז זי אלט? צוואנציק, צוויי און צוואנציק?

ער האָט זיך אנטשלאָסן און געפרעגט.

— זעקס און צוואנציק, — האָט זי געענטפערט, — אינגאנצן זעקס און צוואנציק. נאָר ווען איר ווייסט, ווי איך בין מעקאנע אײַך און בכלל אזעלכע מענטשן, ווי איר. איר האָט דורכגעמאכט אזא מיל-כאָמע, אלץ האָט איר... און מיר? מיר איז מיט אלעמען פון מײַן על-טער עפּעס ניט אינטערעסאנט, לאנגווײַליק.

דערנאָך האָט זי דערציילט וועגן דעם טרעסט פון די גאָרקיכן און רעסטאָראנען, ווו זי ארבעט, ווו אלע ליבן זי. מע האָט אפילע אופגע-האנגען איר פּאָרטרעט אפן ערן-טאָוול — די פאָטאָגראפיע, צום באַ-דויערן, איז ניט פון די געלונגענע און וועגן דער קאפּע, וואָס האָט א גוטן שעם אין דער שטאָט און ווו אלע מיידלעך סטאַרען זיך זייער, ווײַל די ספער פון געפעליקײַטן איז איצט אפן אויבנאָן, און מע רעדט וועגן דעם אומעטום. און נאָך וועגן עפּעס-וואָס...

„כ'האָב זיך אײַנגעליבט! טיפּעש! אידיאָט! זיך אײַנגעליבט! צוליב וואָס?" — האָט ער געטראכט, הערנדיק איר פלאפּלערײַ.

ער האָט דערהערט:

— און איר?

— וואָס איך?

— איר ארבעט ניט אין דער ספער פון געפעליקײַטן?

ער האָט זיך פארלוירן:

— וואָס רעדט איר, אָלגא וואסיליעוונא! — ער האָט א טראכט געטאָן און צוגעגעבן: — אגעוו, אין א געוויסן זין...

און אינדערעמעסן, פארוואָס איז טאקע זײַן זאך — ניט די ספער פון געפעליקײַטן? דאָס איז אפילע טשיקאווע.

איבער דער שטאָט האָבן זיך באוויזן וואָלקנס, און ס'האָט אָנגע-הויבן פאלן א שניי. א שטארקער, שנײַדנדיקער ווינט האָט געשמיסן אין פּאָנעם. אָלגא וואסיליעוונא האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, און זיי האָבן פארגיכערט די טריט.

באגלייטנדיק זי, האָט ער, קעדיי ניט שווײַגן, פארגעבן נארישע פראגן:

— און איר זײַט פארהייראט?

— און קינדער?

— און די מאמע מיטן טאטן?

אָלגא וואסיליעוונא האָט געענטפערט.

לאָזט זיך אויס, אַז בײַ איר האָט זיך אויך ניט באַקומען, זי האָט געהאַט אַ מאַן, פּעטיאַ, אַ לײטענאַנט. זײער אַ גוטער מאַן, און אַ גלענצנדיקער מענטש, נאָר אַ יונגער, און זײ האָבן ניט געפֿונען קײן געמײנזאַמס אײנער באַם אַנדערן, כאָטש זי איז צוליב אים געקומען פֿון נאָוואָסיבירסק. ס'קאָן זײַן, אַז זי איז אױך אין עפּעס שולדיק. זי איז אַ מענטש אַ ניכטערער, און זי פֿאַרשטײט אַלץ, און מע דאַרף ניט אַרופֿוואַרפֿן די אײגענע כעסרוינעס אױף די מאַנצבלען. נאָר אַזױ האָט זיך שוין באַקומען. און קינדער? דאָס איז שרעקלעך. געװען קינדער, נאָר זײ זײַנען געשטאָרבן. און קײן טאַטן און קײן מאַמען האָט זי אױך ניט.

„אַן אינטערעסאַנטע, טיפּזיניקע, — האָט ער אַ קלער געטאָן. — כאָטש זי איז זײער יונג... איך בין אַנטקעגן איר..."

אים איז אָבער מיט איר געװען זײער גוט.

דאָס הױז, װוּ עס האָט געװױנט אָלגאַ װאַסיליעװנאַ, איז געװען קימאַט לעבן סאָבאָר.

— רופֿט מיך, ביטע, פּאַשעט לױטן נאָמען! — האָט זי געבעטן. — װײַל מיר איז עפּעס ניט באַקװעם. און מאָרגן װעלן מיר זיך זען? — און האָט זיך צעלאַכט: — פֿאַרװאָס „מאָרגן"? הײַנט!

און ער האָט זי אָנגערופֿן באַם נאָמען.

— אינדערעמעסן, װי קוקט איר אױף דעם, מיר זאָלן צוגײן אין סאָבאָר אױף אַ קאָנצערט פֿון אָרגאַן-מוזיק? אָליאַ, איך װאָלט גענומען בילעטן. װי מײנט איר?

— אױסגעצײכנט! — האָט זי געזאָגט. — אַ גלענצנדיקע אידײ! איך בין דאָרט קײנמאָל ניט געװען, און אַלע זאָגן, ס'איז אינטערעסאַנט.

ער האָט אַ קוש געטאָן איר האַנט, װאָס אַזױנס האָט זיך בײַ אים געמאַכט זעלטן.

— אָט אױעלכער איר זײַט! — האָט זי זיך פֿאַרלױרן.

— ביזן אָװנט, אָליאַ!

* * *

זיבן אינדערפֿרי, בלאָנקענדיק איבער דער שטאָט, װעלכע האָט זיך אים אױסגעװיזן אַזױ פּרעכטיק, איז ער צוגעקומען צום האָטעל. עפּעס אױסלענדער זײַנען מיט אַ טומל אַרױסגעגאַנגען פֿון דער טיר. ער האָט זיך אַנטשלאָסן אַרײַנגײן און געפֿרעגט:

— וואָס הערט זיך מיט א נומער?

און פּלוצעם — אומגעריכטס. די אדמיניסטראטאָרשע האָט אים באגעגנט מיט צעשפּרייטע אָרעמס:

— נו, צוליב וואָס זײַט איר זיך אזוי באגאנגען? ווי האָט איר געקענט! אזא מענטש! ווען איר וואָלט נעכטן... אגעוו, מע קאָן אײַך באגריסן מיט א באַלוינונג? מיר האָבן געהערט, געהערט! זײַט ניט אזוי באשיידן! נו, אינדערעמעסן, איר זײַט אזוי באשיידן! זיך באוויזן און אפילע ניט אָנרופן די פאמיליע. און מיט אײַך אינטערעסירן זיך שוין דאָ אַלע. מיר האָבן אָף אײַך געוואַרט! פאר אײַך איז גרייט א נומער לוקס, פונעם העכסטן ראזריאד...

* * *

אין אָוונט האָט ער זיך באגעגנט מיט סטודענטן, מיט פּראָפעסאָרן און איז ארויסגעטראָטן אין דער געזעלשאפט „זנאניע", ווו אַלץ איז געווען אזוי ניט געוויינלעך, רירנדיק, נאָר גוט. ער האָט אפילע נאָך באוויזן קויפן בילעטן אפן קאָנצערט.

ער האָט זיך באגעגנט מיט אַליען, ווי מ'האָט אָפּגערעדט, אָן א פערטל זיבן, לעבן סאמע סאָבאָר.

און דערנאָך איז געווען דער קאָנצערט. דער אָרגאַן. באך. דער אָרקעסטער און א כאָר. געגדעל, טשײַקאָווסקי, גײַדן, בעטהאָווען, באָראָדין. און אינגאנצן אומבאוווּסטע פּריער, — עקעלס, רעגער, פראנק, בוקסטעהודע, וועמענס פאמיליעס ער האָט פּריער אפילע ניט געהערט.

אַליע איז געזעסן לעבן אים און האָט געהערט, און ווען עס איז דערגאנגען צו דער פּרעליודיע און דער פוגע רע מאזשאָר, האָט ער אין אַלץ פארגעסן און איז ווידער געווען אין קראקאָוו, אין יאנוואַר פון פינף־און־פערציקסטן, ער האָט ווידער דערזען נינען, קאָראַליאָווען, נינא פיאָדאָראָוונא פונעם אָטריאד פון דער יאם־פעכאָטע. זיי האָבן דעמלט געבראכט צו קווּרע וואסיע קאַלײַעוון, דעם פאָטאָ־אויסשפּירער קאָסטיע ניקאָלײַעוון, דעם יינגערן לייטענאנט סאָלאָוויאָוון פון זייער טייל און נאָך א סאך — פון אנדערע טיילן. אויך פונעם אָטריאד פון דער יאם־פעכאָטע, ווו נינע האָט געדינט.

און ווען אַליע האָט אָנגערירט זײַן האַנט און עפּעס אויסגעשעפּ־טשעט, האָט ער ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס, נינע?

נאָר אויך זי האָט, אַפּאַנעם, ניט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט א טאָעס געהאַט און האָט זיך ניט באַליידיקט:

— איך זאָג, אַז אויב אָט די בילעטן אין דער נײַן־און־פערציקסטער ריי קאָסטן א רובל מיט פופציק, וויפל זשע קאָסט א בילעט אין דער ער־שטער ריי?

ער האָט ניט געקומען איר דערקלערן, כאָטש די ערשטע ריי איז דאָ ניט פון די בעסטע, זי האָט זיך געפונען אונטערן סאַמע אָרגאַן, נאָר ניט אין דעם גייט עס.

נאָכן קאָנצערט זײַנען זיי געגאַנגען שווײַגנדיק. אַליע האָט זעלטן־ווען עפּעס געפרעגט, ער האָט עפּעס געענטפערט.

די שטאָט איז געווען פאַרפּאַראַשעט מיט א פוכקן שניי, און דאָס אַלץ — דער שניי, די גאַסן, דער פּלאַץ און דער סאָבאָר, און די קלאַנ־גען פונעם אָרגאַן — איז געווען ניט דאָ, נאָר דאָרטן — אין קראַקאָוו. דערמלט אין פינף־און־פערציקסטן האָט געשאָטן פונקט אַזאַ ווייכער שניי. זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו איר טיר.

— בא מיר איז דאָך קיינער ניטאָ, — האָט געזאָגט אַליע, — איר וועט אַרײַנגיין?..

ער האָט ניט געענטפערט.

— און אויב איך וועל אײַך זייער בעטן, — האָט געזאָגט אַליע, — זייער, זייער?

— ניין, ניין, א צווייטן מאָל, — האָט ער געזאָגט אַזוי, ווי ער וואָלט זיך פילן שולדיק אין עפּעס, און האָט נאָך עפּעס צוגעגעבן — אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען און וועגן עמעצן, וואָס דאַרף אים אָנקלינ־גען אין האָטעל.

ער האָט א קוש געטאָן אַליעס האַנט און איז אײַליק אַוועקגע־גאַנגען. „ווען איך וועל זיך אומקערן, וועל איך אומבאַדינגט אָפּזוכן נינען! מעגלעך, אַז זי האָט א מאַן, קינדער, איך האָב דאָך אָבער רעכט פּאָשעט זיך דערוויסן, ווי איז זי, וואָס איז מיט איר?"

* * *

אָלגא וואסיליעוונא, אַליע, איז ניט געשלאָפן א גאנצע נאכט. זי האָט די גאנצע צײַט געזען פאר זיך דעם שרעקלעכן סאָבאָר אָן א סטעליע און אָן א דאך, און עס האָט געהילכט די מוזיק, און ס'איז געווען אזוי ווארעם און געמיטלעך מיט אָט דעם מאָדנעם מענטשן.

און זי האָט געוויינט פון גליק און פון באליידיקונג, און גע־קלערט: צוליב וואָס האָט זי אויסגעטראכט וועגן פעטיען און וועגן קינ־דער, וועלכע זײַנען קיינמאָל ניט געווען?

די לעוואָנע און די זון

אינעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר, אין יאנוואר, האָט מען אונדזער מיליטער־טייל אריבערגעוואָרפן אף צאָפן. ווײַט פונעם פראָנט, נאָר פונדעסטוועגן ניט קיין רעזערוו־פאָלק. פארשטייסט דאך אליין, וואָס עס הייסט א רעזערוו־פאָלק אין הינטערלאנד. עס גייט אזא מילכאָמע, וועל־כע איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, און מיר, רויטארמייער, שלאָגן בײַ־דעקעס!

און דאָ, אפן צאָפן, — אַנפליען פון דער דײַטשישער אוויאציע, אליארמען, און עס איז אזא געפיל, אז דו געפינסט זיך דאָ ניט פּאָשעט, קעדיי צו האָדעווען די לײַז אין קאזארמע, דו דינסט ניט גלאט אזוי, נאָר דו פארנעמסט זיך מיט נייטיקע איניאָנים. מע האָט אפילע גע־זאָגט, אז פון אונדז, און טאקע נאָר פון אונדז, זײַנען אָפּהענגיק אלע אָפּעראציעס אפן יאם, אפילע דאָס צושטעלן שפײַז־פּראָדוקטן פון ענג־לאנד און אמעריקע לויטן לענד־ליז. דעמלט האָבן מיר ניט געוווּסט, וואָס איז עס אזוינס און צוליב וואָס. ערשט שפּעטער האָבן מיר עס פארשטאנען, נאָר גופע די ווערטער „לענד־ליז" האָבן זייער וואזשנע געקלונגען פאר אונדז, ייִנגלעך. אלע האָבן געמיינט, אז, מעגלעך, פון אָט דעם דאָזיקן ניט־פארשטענדלעכן הייבט זיך טאקע אָן די אמע־

ריקאַנישע און ענגלישע הילף — די עמעסע הילף אין דער מיל־כאָמע.

אין מאַלי אוכטי — אַ טיפּיש צאָפּן־דאָרף — האָט מען אונדז באַזעצט. צוויי וואָכן האָבן מיר געגראָבן זעמליאַנקעס, נו, און נאָך עפּעס: בייס אַן אַליאַרם, ווען די דײַטשן פֿלעגן אָנפֿליִען, האָבן מיר געהאָלפֿן די זעניטלער דערלאַנגען סנאַריאַדן, געהאָלפֿן באַגראָבן די אומגעקומענע — מיט איין וואָרט, אַ באַטאַליאָן מיט ספּעציִעלע צוועקן. אַ ספּעציִעלער — דאָס איז שוין שפּעטער געוועזן, דערווײַל אָבער — אַ באַדינונגס־קאָמאַנדע. טו אַלץ, וווּהין מע שיקט דיך, העלף אַלעמען, וועמען מע דאַרף, און אַכוץ דעם, האָבן מיר נאָך געטראָגן די פּאַטרול־דינסט אינעם דאָרף.

קעלטן זײַנען געשטאַנען שוידערלעכע. פֿינף און דרײַסיק, אַכט און דרײַסיק און אַמאָל טאַקע אַלע פֿערציק. נאָר דאָס איז נאָך גאָלע גאָר־ניט, ווען עס איז קיין ווינטן ניטאָ. טוט אַ בלאָז פּונעם יאַם אַ ווינט, — און דעם יאַם האָבן מיר אַפֿילע אין די אויגן ניט געזען, ער איז געווען אַ קילאָמעטער פֿופֿציק פֿון אונדז, — נעמט ער אַפֿילע אין אַ קליינעם פֿראָסט דורך די ביינער. אַפֿילע די היגע אײַנוווינער, דאַכט זיך, שוין גוט צוגעוווינט צו דעם צאָפּנדיקן קלימאַט, קאָן מען אין אַזעלכע טעג אין דאָרף ניט זען.

און דאָ פּלוצעם אָט דער יאַט. איך האָב אָקאָרשט פֿונעם קאַראַול אין מײַן זעמליאַנקע זיך אומגעקערט. עס איז געווען אַזוי קאַלט און אַזוי שטיל, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז אויסגעשטאָרבן, אַלץ איז פֿאַרפֿרוירן. די שטיבער, די ביימער, די נאַענטע סאָפּקעס און דאָס דאָרף גופֿע, דער הימל — אַ מוטנע־ראָזעווער פֿון דער זײַט, וווּ די זון איז פֿאַרגאַנגען, און אַ מוטנע־בלאַסער פֿון דער אַנדערער זײַט, וווּ די לעוואָנע איז אופֿגעגאַנגען. שוידערלעך. אַגעוו, ווען ניט די צעבונדענע אָבמאָטקע אויפֿן לינקס פֿוס, וואָלט איך אָט דאָס יאַטל אַפֿילע ניט באַמערקט.

איך האָב זיך אָקאָרשט אָפּגעשטעלט, די הענטשקעס אויסגעטאָן, גענומען מיט די פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער די אָבמאָטקעס פֿאַרוויקלען, איך טו אַ קוק — ער שטייט אויפֿן גאַנעק, אַ פֿאַרקוטעטער, אַ יאַטל פֿון אַ יאָר אַכט־נײַן.

— וואָסי? — פרעג איך, ווען איך האָב שוין די אָבמאָטקע איבער־געוויקלט.

— גאָרנישט, — ענטפערט ער, — איך קוק.

— אף מיר? — פרעג איך. — ס'איז דאָך אזא שרעקלעכע קעלט, וועסט פאַרפרוירן ווערן, גיי אריין.

— כ'וועל ניט פאַרפרוירן ווערן, — ענטפערט ער מיט א קאָל פון א דרייסט האָנעכל. — דאָס האָב איך אף דיר ערשט איצט א קוק געטאָן, און אזוי האָב איך אף דער לעוואָנע געקוקט. דו ביסט דאָך נאָרוואָס צוגעגאנגען, און איך קוק פון שוין ווען אָן...

גערעדט האָט ער מיט אזא צאַפּנדיקער אויסשפּראַך, אז איצט איז דאָס שווער איבערצוגעבן, נאָר דעמלט בין איך געווען שטארק איבע־ראשט און גלייך צוגעגאנגען צום יאַטל:

— וואָס זשע איז דאָרטן, אף דער לעוואָנע, אזוינס אויסערגעוויינלעכס?

ערגעץ האָב איך געהערט, אז הינט און וועלף קאָנען קיין אויג פון דער לעוואָנע ניט אראָפּנעמען, קוקן אף איר לאנג און וואָיען, און נאָך, זאָגט מען, זיינען פאראן אזעלכע לונאטיקעס — זיי כאַפּן זיך אוף פונעם בעט, ווען עס שיינט די לעוואָנע, און ציִען זיך צו איר, קריכן אף די ביידעמער און אף די דעכער און גייען דאָרטן ארום, ווי פאַרקישעפטע. אָפטמאָל בלאָנקען זיי אזוי ארום גאנצענע נעכט, און דערנאָך קערן זיי זיך אום אין די בעטן און שלאָפן רויִק, און אינדערפרי געדענקען זיי גאָרניט. וועגן די לונאטיקעס האָב איך פון מיין מאמע געהערט, ווייל זי פלעג שטענדיק פאַרהענגען די פאַרהענגלעך, ווען די לעוואָנע האָט אינעם פענצטער געלויכטן.

און דאָ — אָט דאָס יאַטל אפן גאנעק, און עס איז איצט נאָך ניט נאכט, ערשט אכט אזייגער אין אָוונט. און ער איז ניט ענלעך אף קיין לונאטיקער — אזא ערנסטער, כאָטש נאָך גאָר א קינד, און רעדט מיט מיר אף דו, ווי א סאָלדאט.

דאָס יאַטל האָט געציטערט, כאָטש ער איז געווען וואַרעם איינ־געקוטעט, ניט ווי מיר, סאָלדאטן, און איך האָב ווידעראַמאָל אים איבער־געפרעגט, שוין אין א שפּאַס:

— וואָס זשע איז דאָרטן, אף דער לעוואָנע?

— דו גיב א קוק, — האָט דאָס יאטל געזאָגט, — גיב א קוק אופמערקזאם, אוועלכע זי איז! פון אויבן און פון לינקס, גיב א קוק!

איך האָב א קוק געטאָן, דעריקער צוליב אים, פארשטייט זיך. א מוטנע לעוואָנע. גיכער א האלבע לעוואָנע, אָפּגעהאקט פון אויבן און פון לינקס און עטוואָס אָפּגערוקט אין א זייַט, ווי א האלבע קאָוענע, וואָס ליגט ניט ווי עס באדארף צו זייַן.

— נו וואָס, ניט קיין פולע? — האָב איך געפרעגט.

— און פארוואָס ניט קיין פולע? — האָט זיך א כאפּ געטאָן דאָס יאטל, — פארוואָס?

— נו, עס טרעפט, — האָב איך געזאָגט ניט זיכער. — עס מאכט זיך אזוי סייַ זומער, סייַ ווינטער. אָט א לעוואָנע און אָט א מוילעד...

— גאָרנישט פארשטייסטו ניט, — האָט ער אופגערעגט אויסגע-רופן, — גאָרנישט ניט, אבסאָליוט גאָרניט! און נאָך א רויטארמייער, אויך מיר! אפילע די אָבמאָטקעס קענסטו ניט פארוויקלען ווי עס בא-דארף צו זייַן!

איך מוז זיך מוידע זייַן — ער האָט מיך אינגאנצן צונישט גע-מאכט. איך בין געוואָרן אין קאס אף אים, און די קעלט האָט מיר אויך געבייזערט, און דעריקער דאָס, וואָס ער ווייסט עפּעס אזוינס, וואָס איך ווייס ניט...

— זאָג זשע, אויב דו ווייסט! — האָב איך קימאט אויסגעשריגן. — דו שטייסט אָט דאָ, האָסט ניט וואָס צו טאָן און דולסט א קאָפּ.

און ער האָט מיר געזאָגט:

— אויב דו ווייסט ניט, וועל איך זאָגן. ס'איז איר פּאָשעט קאלט, דער לעוואָנע. דו פארשטייסט? און די זון דערוואָרעמט זי, זאָרגט זיך פאר איר, זי נעמט בא איר אָט א קליין שטיקעלע, אָט א גרעסער שטיקעלע — און דערוואָרעמט עס, ווען דער פראָסט איז, ווי איצט, מיט א ווינט, און זי, די זון, א וואָרעמע, א הייסע, באהאלט זיך אין די ווייַטע היציקע מעקוימעס, נאָר זי פארגעסט ניט וועגן דער לעוואָנע, זי ווייסט, אז דער לעוואָנע איז קאלט. אָט אזוי נאכט נאָך נאכט...

דער באָכער האָט מיך איבעראַשט. וואָס מיר פראָסט, וואָס מיר קעלט און ווינט! איך האָב אינגאנצן פארגעסן סייַ זיך, סייַ דעם פראָסט. אָן אינטערעסאנטער באָכער!

און איך, איך בין דאָך דעמלט אויך נאָך א יונג באָכערל געווען, אכצן יאָר, — און מיר האָט זיך געוואָלט אים אויך מיט עפּעס-וואָס פאַרווונדערן.

— זאָג מיר, — האָב איך אים געפרעגט, — און ווען אפן הימל זײַנען סײַ די זון, סײַ די לעוואָנע מיטאמאָל, איז עס פארוואָס? עס מאכט זיך אזוינס פארנאכט, אין אָוונט און אינדערפרי, פארטאָג. פאר-וואָס?

— די לעוואָנע מיט דער זון מיטאמאָל — דאָס ווייס איך, — האָט ער געזאָגט, — נאָר פארוואָס מיטאמאָל — דאָס ווייס איך ניט.

ער ווייסט ניט!.. מיר איז אפילע ווארעמער געוואָרן. גוט, וואָס כאָטש אָט דאָס ווייסט ער ניט! אניט זע נאָר: א נישטיק יאטל — און פּלוצעם מיט מיר אזוי. און די אָבמאָטקעס מיר דערמאָנט, און...

— איז הער אויס, — האָב איך א זאָג געטאָן מיט א געפיל פון שטאָלץ. — ווען די זון זעצט זיך, און די לעוואָנע אָדער דער מוילעד באווײַזט זיך נאָר, איז דאָס, לעהאוודל, ווי עס בײַט זיך דער קאראוול באם קרעמל אָדער אף אן אנדערן וויכטיקן פּאָסטן, די זון גיט איבער דער לעוואָנע דעם פּאָסטן, און אינדערפרי די לעוואָנע — דער זון...

איך האָב זיך דערמאָנט און אים דערציילט אלץ, וואָס איך האָב נאָך אין דער קינדהײט פון מײַן פּאָטער געהערט. איך האָב זיך וועגן דעם דערמאָנט דערפאר, ווײַל איך האָב איצט גערעדט מיט א יאטל און איך האָב געוואָלט זיך צופּאסן צו אים און פארווונדערן אים מיט אָט די קינדערשע דערמאָנונגען. און נאָך, געווייַנלעך, זיך א בארים טאָן, אז איך בין ניט אזא נישטיקער רויטארמייער, ווי עס ווײַזט זיך אים אויס...

— גוט, — האָט ער געזאָגט, און ווידעראמאָל מיטן אקצענט פון זײַן צאָפּנדיקער אויסשפּראך, — און דו, פונוואנען ווייסטו עס?

אף אזא פראגע האָב איך ניט געווארט, דעמלט, אין יענער מינוט, ניט געווארט, און, פארשטייט זיך, אז דאָס האָט מײַן פּאָטער מיר אמאָל געזאָגט, דיפּלאָמאטיש פארשוויגן.

— איך ווייס, און אן עק, — האָב איך געזאָגט, — און פּאָטער!

— גוט, — האָט ער איבערגעכאזערט. — ווי באם מאווזאָליי בײַט זיך דער קאראול. א דאנק! — ער איז אנשוויגן געוואָרן, א קוק געטאָן אף דער לעוואָנע און ווידעראמאָל אף מיר: — און איך האָב ניט אליין

זיך דערוווסט, אז די זון דערווארעמט די לעוואָנע. מײַן טאטע האָט עס מיר דערציילט, און איך האָב פאַרגעדענקט, און ווען איך קוק אָף איר, געדענק איך אַלצדינג. און דעם פאָטער.

— און ווו איז ער עס, דײַן פאָטער?

— אָף דער מילכאָמע אומגעקומען, די דײַטשן האָבן אים דער־הארגעט. דאָ ניט לאנג איז א „פאָכאַראָנקע" אָנגעקומען, — האָט דאָס יאטל געזאָגט. — און דײַן טאטע איז אן אלטער?

איך האָב ניט אויסגעהאלטן, צוגעדריקט דאָס יאטל צו זיך, ארומ־גענומען, א טרייסל געטאָן, קעדיי דערווארעמען אים, און, מעגלעך, ס'איז א ביזאָיען, אז א רויטארמייער זאָל וויינען, און די גאנצע מילכאָמע האָט זיך פאר מיר ערשט געדארפט אָנהייבן, און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געוויינט, — נאָר דאָ האָב איך זיך אײַנהאלטן ניט געקאָנט.

— אנטשולדיקן! איך האָב אויך... וועגן דער זון און דער לעוואָנע ניט אליין.. מײַן טאטע האָט מיר אין דער קינדהײַט דערציילט. ניט קיין אלטער איז ער געווען. אויך אָף דער מילכאָמע, הינטער מאָסקווע, האָבן אים די דײַטשן דערהארגעט. נאָך אין איין־און־פערציקסטן...

יאן־וואניטש

מיר זײַנען מיט אים ניט באקאנט. מיר גייען ניט צוגאסט איינער צום אנדערן. איך האָב מיט אים ניט קיין שום געשעפטן. פונדעסטוועגן זײַנען מיר אלטע באקאנטע און אפילע פרײַנט — לויט דער גאס, לויטן טראָטואר. דאָ באגעגענען מיר זיך אָפט, ווען איך קום אין אָט די קאנטן און בלאָנקע אהין־אהער. אמאָל — פאָשעט אזוי, ווען עס ארבעט זיך ניט, און צומאָל אין פארלוירנקײַט, ווען דו ווייסט ניט וואָס צו טאָן, געננוג אָבער צו דערזען יאן־וואניטשן, אז אָף דער נעשאָמע זאָל ווערן רויִקער.

יאן-וואניטש קערט דעם ברוק און דעם טראַקטאָר — דרײַ הונ־דערט מעטער פּאָרויס און דרײַ הונדערט צוריק. זײַן באַצירק דאַרף זײַן ריין און אַקוראַט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט לײַכט, אַמאָל אַפילו זייער שווער. ווינטער, אַשטייגער, ווען עס שיט אַ שניי, מוז ער זיך אומבאַדינגט אומקערן צוריק און נאָכאַמאָל אַ קער טאָן דעם נאָרוואָס אָנגעשאָטענעם שניי. אָדער אַפילו זומער, ווען עס גייען פאַרבײַ קינ־דער און וואַרפן אָן פּאַפּירלעך פון קאָנפעקטן דאָרטן, וווּ מע טאָר ניט וואַרפן, מוז מען זיך אומקערן צוריק. הײַנט, ווען עס מאַכט זיך אַ שטאַרקער ווינט און אַ שטורעם אַפן יאַם, ברעכט ער צווײַגן פון די ביימער, רײַסט אַראָפּ בלעטער — אָ, דעמאָלט גייסטו אַרויס מיטן בעזעם איין מאָל, און צוויי מאָל, און דרײַ מאָל...

יאַן-וואַניטשן קען איך שוין עפּשער הונדערט יאָר, ריכטיקער — צוואַנציק, זינט איך קום אַהער צו פאָרן. און שטענדיק איז ער דאָ, און שטענדיק בײַ זײַן אַרבעט. קערט און קערט מיטן בעזעם, האַלט אין אָרדענונג די גאַס.

אַמאָל, ס׳איז געווען מיט ווייסעך וויפל יאָר צוריק, ווען מיר האָבן זיך באַקענט און דאָס ערשטע מאָל זיך צערעדט, האָט מיך זייער פאַר־וווּנדערט זײַן נאָמען: וואָס עפּעס יאַן-וואַניטש? נו, יאַן איז נאָך פאַר־שטענדלעך, אָבער דער פּאָטערנאָמען וואַניטש! מיילע, זאָל זײַן יאַן־יאַניטש, אַף וויפל יאַן איז איוואַן, אָדער איוואַן-איוואַניטש.

— וואָס רעדט איר? — זאָגט יאַן-וואַניטש, — איך בין קימאַט אַ רוס... — און ער האָט דעמאָלט געזאָגט פיל גוטע ווערטער וועגן די רוסן, מיך האָט עס זייער גערירט.

דעריבער האָב איך איין אַ שפּאַס, פאַרשטייט זיך, געענטפערט יאַן־וואַניטשן:

— אַ רוס — דאָס איז דאָך ניט קיין גענעראַל-טיטל, כאָטש עס זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע — סײַ גענעראַלן, סײַ סאָלדאַטן.

— ניין, ניין, זאָגט ניט! די רוסן — דאָס...

היכע ווערטער זײַנען שטענדיק היכע, נאָר אַמאָל, אויב זיי זײַנען טאַקע בעעמעס אופריכטיקע, ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין האַרציקע. יאַן־וואַניטש האָט געערעדט פונעם פולן האַרצן.

מיר האָבן זיך באַפרײַנדעט.

און ווען איך זאָל ניט געווען קומען צו פאָרן — זומער, ווינטער, פרילינג, — פלעג איך שטענדיק באגעגענען יאַן-וואַניטשן בא זײַן ארבעט — דרײַ הונדערט מעטער פאָרויס און דרײַ הונדערט צוריק.

מיר שטייען און שמועסן.

איך פרעג אים אויס וועגן דיביימער, אין וועלכע איך פארשטיי זייער ווייניק.

ער דערקלערט מיר.

פארבײַ גייען קינדער.

— א גוט-מאָרגן, זיידע יאַן!

— יאַן-וואַניטש, א גוט-מאָרגן!

יעדערער באגריסט יאַן-וואַניטשן אף זײַן שפּראַך, און יאַן-וואַניטש, דוכט זיך, קען אלע קינדער אין דעם קאַנט, יעדערן באַם נאָמען, און ענטפערט זיי — יעדערן אף זײַן שפּראַך.

ער איז ניט קיין זיידע, אף וויפל ער איז אין מײַנע יאָרן, נו, מעג-לעך, אף א יאָר פינף עלטער. אָבער די מילכאָמע האָבן מיר ביידע דורכגעמאכט. יאַן-וואַניטש זאָגט מיר, אז ער איז אויך אלע פיר יאָר געווען אף דער מילכאָמע.

יאַן-וואַניטש איז א גוטער און, כ'וואָלט געזאָגט, עפּעס א ווונ-דערלעך אינטעליגענטיש-צוגעלאָזטער מענטש. אלצדינג ווייסט ער, אלץ פארשטייט ער, און קינדער האָט ער ליב...

צוויי וועווערקעס באווײַזן זיך אף די ביימער-שטאַמען, שפּרינגען אריבער אפן פּלויט, און פּלוצעם גיבן זיי זיך א וואָרף אפן אספּאל-טירטן ברוק.

— אוי, זיי זאָלן, כאָלילע, ניט ארונטערפאלן אונטער א מאשין! — זאָגט יאַן-וואַניטש, — נארעלעך.

די וועווערקעס זײַנען פיצינקע: איינס מיט א טונקעלן ווידעלע, דאָס צווייטע — מיט א ליכטיקס. פאר מענטשן האָבן זיי קיין מורא ניט, פאר מאשינען — אויך ניט, זיי זײַנען דורכגעלאָפן איבערן וועג, צום טײַך.

— זיי וועלן זיך אומקערן, — זאָגט יאַן-וואַניטש און באטאָנט דערבײַ זאָרגזאם: — זיי וועלן נאָכאמאָל לויפן צוריק, און, עס זאָל קיין אומגליק ניט געשען! מע דארף אף זיי אכטונג געבן, מע דארף... לע-בעדיקע באשעפענישן! זיי זײַנען דאָך לעבעדיקע!

יאַן-וואַניטש האָט ליב אי די וועוועריקעס, אי דיביימער, ער האָט ליב אַלץ, כאָטש די נאַטור באַלוועט אים ניט, דעם הויז-וועכטער. אַזוי פאַרשטיי איך, פאַר אַ הויז-וועכטער איז בעסער אַן אײַנגעשטעל-טער זומער, אַ שיינער ווינטער, אַ גוטער פרילינג און אַ וואַרעמער האַרבסט. דאָ איז די נאַטור קאַפּריז. און אָט איז האַרבסט, און בלע-טער פאַלן. בלעטער...

* * *

בלעטער, בלעטער, בלעטער. זיי זײַנען, ווײַזט זיך אויס, פאַרשיי-דענע.

— אָט דאָס איז אַ ליפּע, — זאָגט מיר יאַן-וואַניטש, — און דאָס איז אַ טאָפּאָל.

ער הייבט אויף איין בלאַט, אַ צווייטן און דערקלערט, פאַרוואָס אָט דער בלאַט איז אַזעלכער און אָט יענער אַן אַנדערער.

— דאָס איז אַ דעמב.

— און דאָס איז אַ קליאָן.

— דאָס איז אַן אַקאַציע.

— און אָט דאָס איז אונדזער לײַבלעך-רוסישע בערעזע... נאָך גאָר אַ גריבינקע.

מענער און פרויען, מיידלעך און ייִנגלעך — פון לינקס און פון רעכטס, פאָרויס און ווײַט פונדאַנען, און הינטער אונדזערע פּלייצעס, ראַנגלען זיך, ווי יאַן-וואַניטש, מיט אָט די בלעטער. ראַנגלען זיך אינ-דערפרי, באַטאָג און פאַרנאַכט. מע קערט זיי מיט בעזעמער, מיט שטאַרקע בעזעמער פון בערעזע-צווײַגן. דאָס זײַנען, ווײַזט אויס, יאַן-וואַניטשעס פרײַנט, זיי זײַנען אויך אַזעלכע הויז-וועכטער אָדער קינדער פון הויז-וועכטער. און איצט גייען זיי אָנגעטאָן אין געלע זשילעטן, מע זאָל זיי זען פונדערווײַטנס און ניט איבערפאָרן.

— פאַרוואָס טוט איר ניט אָן, — פרעג איך בא יאַן-וואַניטשן, — אַזאַ זשילעט?

— צוליב וואָס? איך בין דאָך ניט קיין וועוועריקע. איך וועל דעם וועג ניט איבערגיין, ווען מע טאָר ניט, — ענטפערט ער.

און ווידעראַמאָל וועגן בלעטער.

צוואַנציק יאָר קום איך צו פאָרן אַהער און זע דאָ אַלץ, וואָס עס בײַט זיך צום בעסערן און וואָס ניט, נאָר אַזאַ בלעטערפאַל האָב איך נאָך ניט געזען.

איך פריי זיך און באַדויער יאַן־וואַניטשן.

— און איך האָב אַלץ ליב, — זאָגט ער, — אָט בין איך שוין אויף פּענסיע, און מע צאָלט איצט זייער פֿײַן. ס׳איז לעבן!

— ניט שוין זשע אויף פּענסיע?

— ווי עס פירט זיך, נאָר ווי איר זעט, אַרבעט איך נאָך...

און ווידעראַמאָל בלעטער. אַ יאַם מיט בלעטער. קליאָן, דעמב, ליפּע, אָלכע, טאָפּאָל, אָסינע, בערעזע, אַקאַציע און אָן אַ שיר קוסטעס, וועגן וועלכע איך האָב נאָך ניט באַוויזן זיך דערפֿרעגן בײַ יאַן־וואַניטשן. די בלעטער פֿלִיען און קלעפּן זיך צום נאַסן אַספֿאַלט. די אויטאָמאָבילן, וואָס לויפֿן לענגויס דעם טראָטואַר, אַלטע און נײַע, אַפֿילו „פּאָבעדעס", וועלכע זעען אויס שפּאָגל־נײַ, און די לעצטע מאָדעלן פֿון „וואָלגעס", מאָסקוויטשן", „זאַפּאָראָזשצעס", „זשיגולי", אינוואַלידן־וועגעלעך, — הייבן אויף די בלעטער פֿון דעם ברוק, זיי פֿלִיען און לייגן זיך אויפֿן טראָטואַר.

— מענטשן לעבן איצטער זייער גוט, — זאָגט יאַן־וואַניטש, — יעדער איינער האָט אַ מאַשין. איצט כאַפּן זיך אַלע קויפֿן „זשיגולי".

פֿונעם יאַם האָט געבלאָזן אַ ווינט, און די מעוועס זײַנען אַוועקגעפֿלויגן צום טײַך, ווו עס איז שטילער און רויִקער.

דער יאַם און דער טײַך זײַנען זײַט בײַ זײַט. אַ שמאָל פּאַסיקל ערד צווישן זיי — אונדזער גאַס און די אײַזנבאַן־ליניע. קוים ווערט דער יאַם ברוגזדיק, קלײַבן זיך די מעוועס אַריבער צום טײַך. זיי פֿלִיען איבערן וועג, איבער די מאַשינען, איבער די הײַזער, איבער די מענטשן צום טײַך און קערן זיך אום, ווי נאָר דער יאַם שטילט זיך אײַן.

— זיי זוכן, ווו עס איז בעסער, — זאָגט יאַן־וואַניטש וועגן די מעוועס, ווי ער וואָלט געוווּסט וועגן וואָס איך טראַכט, — און וואָס געפֿינען זיי? אַ ראַכמאָנעס, זיי קומען אום... איך ווייס ניט, וואָס די מעוועס ווילן. איך האָב פּאַשעט ניט ליב אָט די ווילדע פֿייגלען. נאָר דעם טײַך און דעם יאַם האָב איך ליב.

דער יאַם איז דאָ שטענדיק אַ קאַלטער, אַפֿילו זומער, און דער טײַך,

צום באדויערן, ברענגט פאר די ליבהאָבער פון פישפאנג ווייניק פרייד, כאָטש מיר האָבן זיך זייער געסטארעט, איך און מײַן זון.

און דאָך, ווי פּרעכטיק עס איז דער טײַך און דער יאם, באזונדערס דעמלט, ווען זיי קריגן זיך. בײַס א שטאָרם שלאָגט דער יאם אין טײַך און לאָזט ניט, ער זאָל ארויסוואַרפן זײַן זיס וואסער און צעמישן עס מיט דער געזאלצענער. דער טײַך הייבט דעמלט אָן צו ווילדעווען: ער גייט ארויס פון די ברעגן, פארגיסט דאָס אינדזל, דעם ריוו, די לאָנקע און, אפּצולאָכעס אלעמען, רײַסט ער זיך צו מענטשן — צו זייערע הײַזער און שטאלן. און די מענטשן מוזן אוועקגיין מיט די קינדער און מיטן פי. נאָר דערפאר זײַנען זיי דאָך מענטשן, קעדיי זיך אומקערן צוריק אהיים אין זייערע אײַנגעזעסענע ערטער. דער טײַך ווייסט דאָס און שטייט ניט אוף קעגן די מענטשן, נאָר קעגן דעם יאם. דער טײַך איז רויִקער, איידער דער יאם.

— אפן וועג פונעם טײַך צום יאם קומען אום פיל מעווען, ווען דערווינט טרײַבט זיי פון דער ערד צוריק צום יאם, — פארטײַטשט מײַן געדאנק יאן-וואניטש, — פארטשעפּען זיי זיך אין די דראָטן.

ווען די דראָטן טראכט איך ניט, איך זע נאָך איין בלאט, — א זעקסקאנטיקן, עפּעס, דאכט זיך, א באקאנטער, נאָר א זעלטענער אין אָט די ערטער, און ניט איין בלאט, א סאך בלעטער — גרויסע, ווי קרויט, און עטוואָס קלענערע, גרינע, פארגעלטע און טונקל-ברוינע.

— דאָס איז דאָך פון א קאשטאן, — דערקלערט מיר יאן-וואניטש מיט אן אוקראַיִנישן אקצענט, — נאָר דעם היגן קאשטאן קאָן מען ניט עסן.

און איך האָב געמיינט, אז קאשטאנעס וואקסן נאָר אין קיִעוו און אין דאָרעם-רוסלאנד.

מיר שמועסן שטענדיק גייענדיק, עס ווילט זיך ניט אָפּרײַסן יאן-וואניטשן פון זײַן ארבעט. און איך אליין שאנעווע זייער די צײַט — ניט אָפּרוען בין איך דאָך אהער געקומען.

הײַנטיקס יאָר זעט אויס יאן-וואניטש געעלטערט. עפּשער דערפאר, ווײַל עס איז הארבסט, און פריִער בין איך דאָ אין אזא שפּעטער צײַט ניט געווען. אָבער הארבסט און בלעטער זײַנען דאָך פריִער אויך געווען.

יאן-וואניטש טראָגט א היפש אָפּגעריבענעם הוט, מיט פלעקן און מיט א ברודיקער סטענגע. דאָס פּאָנעם איז, פארשטייט זיך, ניט גאָר

קיין יונגס, נאָר אויך ניט קיין אַלטס. לויט מײַן פֿאַרשטאַנד, איז בא יאַן־וואַניטשן א גוט פּאָנעם, א מילדס און אופמערקזאַמס צו אַלעמען ארום, און קרעפּטיקע הענט האָט ער. ווען דו קוקסט ווי ער ארבעט, ביסטו אים מעקאַנע. איך בין אן אַלטער סאָלדאַט, ווי ער, נאָר אַזויפיל קויכעס און געניטקײַט האָב איך, געוויינלעך, ניט. איך האָב אים געזאָגט א פּאָר גוטע ווערטער וועגן זײַנע הענט.

— וואָס זאָל מען טאָן? אַזאַ ארבעט! ווערסט צוגעווינט, — האָט געענטפערט יאַן־וואַניטש.

און ווידעראַמאָל גייען פאַרבײַ מענטשן.

— א גוט־מאָרגן, יאַן־וואַניטש!

— זײַט געגריסט, זיידע יאַן!

ווען יאַן־וואַניטשן באַגריסן קינדער, ענטפערט ער זיי, אייניקע אויף רוסיש, אַנדערע — אויף זײַן לשון.

פרויען גייען אין מאַרק אַרײַן, אין קראָם, גריסן זיי זיך אויך מיט יאַן־וואַניטשן. פאַר זיי נעמט ער אראָפּ די הוט, פאַרנייגט זיך, פרעגט בא זיי אויס דאָס און יענץ. ס'איז צו באַוואונדערן, צו יעדערן האָט ער אן אַנדער צוגאַנג — אָט טוט ער זיך א ווינק אויף רוסיש, אָט רעדט ער מיט אן אוקראַאיִנישן אָדער ווײַסרוסישן אַקצענט, און אָט גאָר אויף קאַווקאַזיש „גענאַצוואַלי“, „קאַצאָ“...

ווען איך גיי באַנאַנד מיט יאַן־וואַניטשן, מוז איך אויך באַגריסן זײַנע באַקאַנטע און בײַזײַן בא זייערע געשפרעכן, נאָר מיך קען דאָ קיינער ניט. אַמאָל פאַרנייגט ער זיך פאַר די מאַשינען, וואָס פאָרן פאַרבײַ, נאָר וועמען באַגריסט ער, ווייס איך ניט.

אָט דאָ ניט לאַנג איז געווען א צופאַל, וואָס איך באַדויער אים זייער.

ווי געוויינלעך, האָב איך אויף א מינוט זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי צו באַגריסן יאַן־וואַניטשן. פּלוצעם האָט זיך באַוויזן עפּעס אן אַלטיטשקע, אן אָנגענעמע, און האָט אונדז פאַרעדט. אַלץ אויסגעפרעגט, אַלץ געוווירע געוואָרן, א גוטע אַלטיטשקע.

יאַן־וואַניטש האָט אַרײַנגעשטעלט א פראַזע, מיר דוכט, אויף דײַטש.

א וווּנדערלעכער מענטש, יאַן־וואַניטש! אויך די דײַטשישע שפראַך קען ער.

— אַגעוו, איז דאָס א באַוווּסטע פרוי. פון די עלטסטע פאַרטייַ־מיטגלידער, אן אַלטע באָלשעוויטשקע, א ייִדישקע, אָבער א גוטע פרוי.

מיך האָט עס עפּעס א שטאָך געטאָן. איך בין אוועק, און יאַן-וואַניטש איז געבליבן זיך ראַנגלען מיט די אָקטיאַבער-בלעטער...

* * *

דער וועטער בייט זיך דאָ אויך אין די אָקטיאַבער-טעג. אָט גייט א רעגן, אָט שיט א שניי, אָט באַווייזט זיך די זון און עס ווערט וואַרעם. נאָר די בלעטער שיטן זיך און שיטן, און עס דאַכט זיך, עס וועט קיין סאָף ניט האָבן. די ביימער און די קוסטעס זיינען נאָך קימאַט אינגאַנצן גרין.

— איך בין אייך ניט מעקאַנע, יאַן-וואַניטש, — זאָג איך אים, ווען מיר באַגעגענען זיך.

— וואָס רעדט איר? אָט בא אייך איז א שווערע אַרבעט, און מיי-נע? — לאַכט יאַן-וואַניטש, — מיינע איז פּאַשעט א פאַרגעניגן!

די טויבן פּלאָנטערן זיך אונטער יאַן-וואַניטשעס פיס. מענטשן גריסן זיך. אין הימל פליען די מעוועס פונעם יאַם צום טייך און פונעם טייך צום יאַם. די וועווערקעס לויפן איבער די פאַרקאַנעס און פון דאָרט גלייך אַפן ברוק. פון מיר אַנטלויפן זיי, און פון יאַן-וואַניטשן ניט.

— איך האָב עס ליב, אוי, האָב איך עס ליב! — זאָגט יאַן-וואַ-ניטש. — ס'א לעבן! איר ווייסט, די מילכאָמע, דער פראָנט לערנען אויס ליב האָבן דאָס לעבן!

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער אַלטער באַלשעוויטשקע, זיך דערמאָנט, אַז יאַן-וואַניטש האָט מיט איר גערעדט אַף דייטש. איך האָב ניט קיין פעיקייטן צו שפּראַכן. קיין איין שפּראַך האָב איך ניט געקענט באַהערשן אפילע פּראַקטיש אין אַנדערע לענדער. און אָט יאַן-וואַניטש, א הויז-וועכטער, און קען אויך דייטש.

אין די לעצטע אָקטיאַבער-טעג איז פּלוצעם געוואָרן וווּנדערלעך שטיל און וואַרעם. דער יאַם האָט ניט געשטורמעוועט, דער טייך איז אַריין אין זיינע ברעגן, און בלויז נעפּלען האָבן זיך געכמורעט אינדער-פרי, אָבער באַטאָג פלעגן זיי זיך צעזייען.

אַרבעטן אין אַזעלכע טעג איז שווערער. איך פלעג פאַרטאָג אַרויס-גיין פון שטוב, בלאָנקען: עפּשער וועט עפּעס בא מיר זיך באַקומען.

איין מאָל זיך דורכגעגאַנגען איבער דער באַקאַנטער גאַס, דאָס צווייטע מאָל, אַף מאָרגן דאָס זעלבע, נאָר יאַן-וואַניטשן זעט מען ניט. דער טראַקטואַר איז ניט צוגעקערט, פאַרשאָטן מיט בלעטער, נאָך די באַנאַכטיקע פרעסטלעך איז נאַס און גליטשיק.

אַנדערע אופראַמער קערן. מענער און פרויען, מיידלעך און יינגלעך — פון לינקס און פון רעכטס, פאַרויס און אינדערווייַטנס פון מיר. און הינטער מיינע פּלייצעס ראַנגלען זיי זיך מיט די בלעטער, מע קערט זיי מיט שווערע בערעזע-בעזעמער. אייניקע — אין געלע זשילעטן, עס זאָל זיי צופעליק ניט פאַרטשעפּען קיין פאַרבייפאָרנדיקע מאַשין, און בלויז יאַן-וואַניטש איז ניטאָ. און דער טראָטואַר, א פאַרשאָטענער מיט בלעטער, — דאָס איז זיין באַצירק.

„עפּעס האָט געטראָפן? קראַנק געוואָרן? צי אינדערהיים? מאַלע וואָס עס מאַכט זיך. באַ וועמען פרעגט מען?"

א טעג פינף זיינען אַזוי דורכגעגאַנגען, און איך האָב אַלץ זעלטענער שפּאַצירט אַף דער גאַס — כ'האָב געאַרבעט. נאָר יאַן-וואַניטש איז מיר פונעם קאָפּ ניט אַרויס.

איך האָב זיך דערמאָנט, ווי די יינגלעך האָבן אַזוי ליב געהאַט יאַן-וואַניטשן, דעם זיידע יאַן, און בין אומיסטן אַרויס שפּאַצירן דאָן, ווען זיי קערן זיך אום פון דער שול.

די ערשטע, וועמען איך האָב באַגעגנט, האָבן מיך דערקענט און זיך געגריסט. מיר האָבן זיך צערעדט — וועגן שול-עניאָנים, וועגן באַלן, ווי געווינלעך, און דערנאָך האָב איך געפרעגט:

— אונדזער זיידע יאַן, וואָס הערט זיך באַ אים? עפּעס זעט מען אים ניט?

דער קלענסטער מיט גרויסע אויגן, האָט א צוק געטאָן מיטן אַקסל:

— מע זאָגט, מע האָט אים איינגעזעצט.

— ערנסט? פאַרוואָס?

— כ'ווייס ניט, מע זאָגט, מע האָט אים איינגעזעצט.

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט? — האָט איבערגעשלאָגן א צווייטער, ער האָט גערעדט מיט אַן אַקצענט. — דו ווייסט ניט, קלוימערשט! ער האָט געהאַלפן די פאַשיסטן, יאָ, וואָס איז דאָ צו ריידן!

א דריטער, א שוואַכינקער, א דאַרער, האָט עפּעס געזאָגט, אַז מענלעך, ער האָט עמעצן באַגאַנוועט, עס מאַכט זיך אַזעלכס. אָט אַזוי איז,

לעמאָשל, געווען מיט דער מ׳מע אינדרע, דער פאַרקויפערן, זי ווינט דאָ ניט ווײַט, נאָר דערנאָך האָט מען זי אַרויסגעלאָזט.

— א מאָשל, די מומע אינדרע! — האָט אויסגעשריגן א צווייטער. — געהאָלפן די פאַשיסטן! דו פאַרשטייסט, די פאַשיסטן, און דו רעדסט וועגן דער מומען!..

פון דאָקומענטן:

1. „אָרדער אַף אַרעסטירן לידייסן יאַ. יאַ... 16/X — 1971".

2. „...פאַר באַזונדערע פאַרדינסטן לעטויוועס דער אָקופּאַציע-אַרמײ און דער אַדמיניסטראַציע פונעם לאַגער אַרויסטראָגן א דאַנק פאָלגנדע לאַגער-אָנגעשטעלטע:

1. פלעגאָנטאָוון יאַ. אַי.
2. גלושקאָ פּ. וו.
3. לידייסן יאַ. יאַ...

די לעצטע האָבן באַוויזן זייער איבערגעגעבנקײַט דעם דײַטשישן רײַך און דער זאַך פונעם פיורער און פאַרדינען העכסטע לויב און באַלוינונגען.

אָבער-קאָמענדאַנט מיולער. 12 סעפּטעמבער 1943".

3. „...אפן סמאַך פון פיל דאָקומענטן, וועלכע זײַנען פאַראַן אינעם איניען (פונקטן 334-338, 485-496), איז פעסטגעשטעלט, אַז לידייס יאַן יאַנאָוויטש, געבוירן אין 1921, ...האָט אין 1941 (יון) פרײַווילי זיך אָפּגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט און נאָך א צוגרייטונג געשיקט געוואָרן אין לאַגער „XXX", ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין די יאָרן 1942—1943 אין מאַסן-פאַרניכטונגען פון די קאַצעטלער — רוסן, אוקראַינער, ווײַסרוסן, עסטן, מאָלדאַוואַנער, גרוזינער, לעטן און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. געווען צווערשט קאָמענדאַנט פון א באַראַק (נומ. 44), דערנאָך אַרויסגערוקט געוואָרן אַף דער שטעלע פון געהילפס-קאָמענדאַנט אַף די טאָרף-באַאַרבעטונגען, ווו עס זײַנען דורכגעפירט געוואָרן מאַסן-צעשיסונגען. סאַכאַקל זײַנען אינעם לאַגער „XXX" פאַרניכטעט געוואָרן 518 טויזנט קאַצעטלער, דערונטער העכער 93 טויזנט פרויען און קינדער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. ניט איין מאָל געווען אָפּגעמערקט און באַלוינט אין די באַפעלן פונעם לאַגער-שעף מיולער... אין 1944 אינטערנירט געוואָרן צוזאַמען מיט דער דײַטשישער אַרמײ... צווישן אַנדערע

באפרײַט געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי אין דער שטאָט עלסע. דורכ־געגאנגען דעם קאָנטראָל. די פארגאנגענהײַט פארבאָרגן... אפן סמאך פון די באוויזענע דאָקומענטן און גוויִעס־איידעס פון די לעבן־געבליבענע...
24 אָקטיאבער 1971".

בלעטער... בלעטער... טרוקענע בלעטער. קליאָן און דעמב, אָלכע און ליפע, בערעזע און טאָפאָל, אקאציע און היגע קאשטאנעס, וועלכע טויגן ניט, ווי איך האָב זיך דערוווּסט, צום עסן.

— און געזאָגט האָט ער, אז ער איז געווען אף דער מילכאָמע, אזוי ווי איך...

איצט פארשטיי איך שוין, פונוואנען ווייסט יאן־וואניטש אלע שפראכן.

מיר רעדן מיט א פרוי אין א געלער זשילעטקע:

— טאקע אף דער מילכאָמע, נאָר אף א וועלכער זײַט...

זי שווײַגט א מינוט:

— און לידייס איז אין דעם פאל א פאסיקע פאמיליע!

— און וואָס הייסט דאָס — לידייס? — פרעג איך.

— וויִאזוי זאָל איך אײַך דאָס פארטײַטשן? נו א מין שערעך, א קריכנדיקס...

טויבן פלאָנטערן זיך אונטער אונדזערע פיס. מעווּעס פליִען איבער פונעם טײַך צום יאם, און דער יאָם שטורעמט הײַנט. הייסט עס, זיי זוכן ניט, ווו בעסער, און וועווערקעס לויפן ארום איבערן טראָטואר און אפן ברוק, און זיי האָבן אפילע ניט מוירע פאר קיין מאשין. איינס מיט א ברוין וויידעלע, א צווייטס — מיט א וויידעלע פון אש־קאָליר, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך שוין צום ווינטער געגרייט.

איך גיי ניט אריבער אף יענער זײַט גאס, ווו איך פלעג זיך באגע־גענען מיט יאן־וואניטשן, — דאָרטן איז א סאך בלעטער. נאסע, גלי־טשיקע, קלעפן זיי זיך צום אספאלט...

איך האָב ליב אונדזער גאַס

א גאס ווי א גאס. זי ווארפט זיך מיט גאָרניט אין די אויגן. הײַזער לינקס, הײַזער רעכטס. ביימער לענגויס די טראָטוארן.

עמעס, זומערצײַט, ווען דער פוך שוועבט ארום, איז גרויסארטיק. ווי א שניי-שטורעם קנוילט ער זיך איבערן אספאלט. דארפסט נאָר אָנרײַבן א שוועבעלע — פלאמט דער פוך אוף מיט א קנאק און דרייט זיך, שלענגלט זיך פעדעמדיק אײנײנעם מיטן פײַער.

א סאך קינדער פארנעמען זיך מיט דעם, און איך האָב אויך איין-און-אײנציק מאָל געפרוווט, נאָר ס'האָט מיר ניט אָפגעגליקט. א שאָפער האָט אָפגעשטעלט זײַן סאמאָסוואל, איז ארויסגעקראָכן פון דער קאבינע: „וואָס, יונגאטש, קיין בעסער טועכץ האָסטו שוין ניט געפונען? ס'פעלט נאָך, זאָלסט מיר ארײַנרוקן א שנויץ אין בענזין-קעסל!"

אזויארום האָט דער פוך מיך אופגעהערט אינטערעסירן. און די ביימער אײנײנעם מיטן פוך.

נאָר גאס איז גאס. א פאָטשט אף איין עק, א פאָטשט אפן צווייטן עק. גאָר נאָענט א ברויט-קראָם. א כעמישע רייניקונג, א גרינוווארג-שטעלעכל, דרײַ מאגאזינען — „פלייש", „דיעטע", „שפײַז". נאָך אן אוניווערמאג און א קאָמבינאט פון שטייגער-באדינונג. א מעכײַע! די מאמע שיקט מיך שטענדיק אײַנקויפן אמאָל דאָס, אמאָל יענץ, פינף מינוט — און איך בין פרײַ. אלץ איז נאָענט. אלץ באקוועם, פארשטייט זיך.

קינאָ-טעאטערס זײַנען בא אונדז אף דער גאס צוויי. א קלענער קינאָ-טעאטער און א גרויסער. דאָס איז גאָר ווויל. פאר קינדער — „פרײַנט", פאר דערוואקסענע — „פיטער". ס'הייסט נאָר אזוי — פאר קינדער און דערוואקסענע, אינדערעמעסן איז עס איינס און דאָס זעלבע. אין קינדערשן דרייט מען פילמען פאר דערוואקסענע, און אינעם דערוואקסענעם — פאר קינדער. און איןביידע גייען אי די פילמען, אי יענע. אזוי אז מע קאָן גיין אין ביידע. די עלטערן לאָזן. און אפילע פריער, ווען איך בין געווען נאָך א קלײנינקער, האָט מען מיר דערלויבט אײנעם אליין. ווײַל ס'איז נאָענט, מע דארף די גאס ניט אריבערגיין. און אין שול אויך אזוי, אָט שוין אכט יאָר, אָנגעהויבן פונעם ערשטן קלאס. די שול איז גאָר-גאָר נאָענט, נעענטער ווי „פיטער".

די גאַס איז אַ ברייטע. מיט איין מאָל היפּערסטאָ זי ניט אַריבער אַף דער אַנדערער זײַט. מאַשינען, טראָלייבוסן, לאַסט-לאַפּעטן אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. אין שכיינעס איז אַ זאַוואָד פון אײַזנבעטאָן-קאָנ-סטרוקציעס און אַ קאָמבינאַט פון הײַזער-בויונג. באַלקאָנס, סטעליעס, ווענט פון הײַזער מיט פאַרטיקע פענצטער שלעפּט מען אַף לאַפּעטן.

אַלציינס. וואָס איז אַזוינס אין איר אויסערגעוויינלעכס? אָן אַ שיר אַזעלכע גאַסן און געסלעך אין מאָסקווע! מער אינטערעסאַנטע! אַף איי-נער איז לענין אַרויסגעטראָטן, אַף אַנדערע האָט פּושקין געווילט. דאָ איז געווען דער שטאַב פון רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער, דאָרט — קוטו-זאָווס שטיבל אָדער גאַרקיס הויז. לערמאָנטאָוו, קאַלינין, גריבאָיעדאָוו, פרונזע, אָגאַריאָוו, קאָסמאָדעמיאַנסקאַיאַ, טאָלסטאָי, טאָלאַליכין... זיי אַלע זײַנען ערגעץ געווען, אַרויסגעטראָטן, געוווינט, עפּעס געלייענט, נאָר בלויז ניט אַף אונדזער גאַס. און וועגן איינע זײַנען אײַנגעשטעלט גע-דענק-טאָוולען אַף די ווענט פון די הײַזער, וועגן אַנדערע דערציילן די גאַסן מיט די נעמען אַף די שילדלעך.

און אונדזערע רופט זיך עפּעס קאָמיש: „די זאַמדיקע", און נאָך מיט אַ צוגאָב — „נײַע". נאָר קיין שום זאַמד איז אין גאַנצן אַרום ניטאָ. ניט קיין נײַס און ניט קיין אַלטס. ניט רעכענענדיק דאָס, וואָס מע פירט אָן אין די הויפן אויסשליסלעך פאַר קינדער.

אַזוי ברענגט מען אומעטום, אַף דער פּרעסניע און אַף דער קוטו-זאָווקע. אין אַזאַ זאַמד האָב איך זיך געשפּילט, ווען איך בין אַלט געווען פיר יאָר און מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן אַהער.

צען יאָר לעבן מיר אַף אָט דער גאַס, און איך בין געוווינט צו איר, ווי צו מײַן דירע און צו דער שול, צוגעוווינט צו אַלץ, צו וואָס מע דאַרף זיך צוגעוווינען.

צי קאָן מען ליב האָבן אַ שול? איך האָב ליב די שול, דעם קלאַס, די לימודים, די לערנביכער, די אָטמעטקעס... לעכערלעך, עמעס? איך האָב ליב, דו האָסט ליב, ער האָט ליב... מע דאַרף, פּאַשעט מע דאַרף, און פאַרטיק. דאָס איז דיר ניט קינאָ און ניט פוטבאָל צי אַ גוט ביכל!

און די דירע? אויך קאָמיש ליב צו האָבן אַ דירע, כאָטש אַ דירע איז ניט קיין שול, און, קאָן זײַן, מיר געפעלט אַפילע אינדערהיים, נאָר ליב האָבן?

און אַ גאַס קאָן מען ליב האָבן?

— פונדעסטוועגן מער פון אַלץ האָב איך ליב אונדזער גאַס! און וואָס פאַר אַ קלוגע זײַנען מיר, וואָס מיר האָבן זיך דערמאָנט ניט אַריבער־געפּעקלט אויף דער לאָמאַנאָסאָווסקע.

אַזוי זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמען. שוין אַ סך יאָרן.

נאָר לויט מיר, קאָן זײַן אַפילו לאָמאַנאָסאָווסקע. איך בין דאָרט געווען. אויך אַ גאַס. און מיט גאָרניט ערגער פון אונדזערער.

— אין אָוונט, ווי נאָר איך פאַרבײַג צו אונדז, אַזוי פאַרשווינדט די גאַנצע מידקײַט. אויף מײַן ערנוואָרט, קיין בעסערע פון אונדזער גאַס איז ניטאָ!

דאָס זאָגט שוין די מאַמע צום טאַטן. אויך אַ סך יאָרן נאָכאַנאַנד.

און אין פֿאָריקן, צי אין פֿאָר־פֿאָריקן, איך געדענק ניט פּינקטלעך, האָט זיך באַקומען גאָר אינטערעסאַנט.

צום טאַטן איז געקומען צו פֿאָרן אַ כאַווער פון פילאַדעלפיע, מיט וועלכן ער האָט זיך באַפרײַנדעט, זײַענדיק אין אַמעריקע. זיי האָבן גע־רעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. דערנאָך פּלוצעם וועגן אונדזער גאַס. דער אַמעריקאַנער האָט אַלץ זיך נאָכגעפרעגט בײַ מײַן טאַטן, וועגן וואָס ער זאָל שרײַבן. קענטיק, ער איז געווען אַ זשורנאַליסט אָדער אַ שרײַבער. האָט ער געבעטן בײַם טאַטן, ער זאָל אים אונטערזאָגן, ווי:אַזוי און וואָס בעסער אָנצושרײַבן וועגן מאָסקווע.

— צוליב וואָס בעסער? מע דאַרף ניט בעסער, גאַרי. נעם פּאָשעט אונדזער גאַס. אַ געוויינלעכע גאַס אין מאָסקווע, און דאָך די סאַמע בעסטע. ווילסט, וועל איך זיך אָפּבעטן אויף דער אַרבעט און מיר וועלן גיין אינאיינעם. מיר וועלן נעמען די סטאַטיסטיק: ווער סע וווינט אויף אָט דער גאַס. דו וועסט זען, וואָס בײַ אונדז איז שלעכט, וואָס גוט. מיר וועלן באַזוכן וווינונגען, קראָמען, קינדער־גערטנער, שולן. דאָס איז דיר ניט דער רויטער פּלאַץ, וועגן וועלכן מע האָט שוין געשריבן הונדערט טויזנט מאָל, און ניט די גאָרקי־גאַס. איך שווער דיר, סע וועלן זײַן אויסגעצייכנטע פאַרצייכענונגען פאַר אַמעריקע...

— אָ־אָ! דאָס איז זייער אינטריגירנדיק! — האָט אויסגערופן דער אַמעריקאַנער.

און ער איז דרײַ מעסלעס געגאַנגען מיט מײַן טאַטן איבער אונדזער גאַס. דרײַ מעסלעס!

מאָדנע מענטשן! נאָר זאָל זײַן אזוי! מיר איז אלציינס.

איך גיי ארויס אין גאס צוליב עפּעס אן איניען און אויך פּאָשעט אזוי.

פּאָשעט — זעלטענער, ווען ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן. און אן איניען הייסט שול, קראָם, קינאָ, פּאָטשט, כעמישע רייניקונג, קאָמבינאט פון שטייגער-באַדינונג, קעדיי פאַריכטן די שיך.

פּאָשעט אזוי — איז צוליב גאָרניט.

— איך גיי זיך דורך, — האָב איך געזאָגט דער מאמען.

— גיי, גיי, דו זעסט דאָך ניט די ליכטיקע וועלט, — האָט זי מאַסקים געווען. — נאָר אכט אזייגער זאָלסטו זײַן צוריק. דער טאטע האָט געקלונגען, ער פארהאלט זיך ביז אכט. מיר וועלן עסן אָוונטברויט.

— איך וועל קומען.

אין הויף זײַנען קיין כעוורע ניט געווען, אויסער קליינע. איינעם האָב איך יאָ באמערקט: דעם פּוליעריקן וואלקע קארפּאָוו פונעם נײַנטן קלאס, ער האָט פארקערעוועט אין א זײַטיקער גאס. איך האָב ניט ליב אזעלכע, ווי ער. אליין ניט קיין קינד, נאָר וואלקעס וויצעלעך און אומענדלעכע „מיידעלעך — וואָ!", „אלע מענטשן זײַנען שיזאָפרעניקער" האָבן מיר דערעסן. ווי עפּעס א כונוווייבין! גוט כאָטש, וואָס ער לערנט זיך ניט אין אונדזער שול...

כ'האָב זיך דערמאָנט, אז איך האָב א ביסל קליינגעלט. אָפּגעשפּאָרט פון די פרישטיקן. פונקט אף מאָראָזשענע. איך לאָז זיך גיין. אפן ראָג הינטער דער פּאָטשט שטייט שטענדיק א פארקויפערן. קאָן זײַן, אז אונטערוועגנס זאָל איך באגעגענען עמעצן, א מער לײַטישן פון וואלקען.

דער הויף איז פארוואסערט געוואָרן. א גאנצןווינטער האָט מען פונעם אספאלט אָנגעוואָרפן א בארג מיט שניי, איצט איז ער צעגאנגען, צערונען, צעשוווּמען אונטער די פיס. אזוי געשעט יעדן פרילינג. די ביימער אין סקווערל וואכן אוף. סע קריכן ארויס פון אונטערן שניי די אינדיווידועלע אווטאָמאָבילן. דער רויטער פליגן-שוואָם לעבן דעם זאמד האָט שוין אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון זײַן ריזיקער שליאפּע. און די הוידלקעס, וואָס שטייען אינדערנאָענט. און דער צוים פונעם סקווערל קריכט מיט גרינע שטאכעטן ארויס פונעם שניי.

אף דער גאס איז אינגאנצן קיין שניי ניטאָ. אף דער גאס זײַנען

ריינע טראָטוארן, נעענטער צום ראַנד טרוקן, נעענטער צו די הײַזער נאַס. פון די דעכער קאַפּעט, אין די רינוועס פליסן ריטשקעלעך און צעגיסן זיך איבערן אַספאַלט אין סטרונקעלעך, קאַליוזשעס, פּאָשעט אין נאַסע פלעקן, אַפּרעל איז טריפנדיק.

ווי שטענדיק, שנײַדט מען בא אונדז אין פרילינג אונטער די ביי־מער אף דער גאַס. פרויען אין בלויע כאַלאַטן איבער די מאַנטלען מיט לאַנגע שערן אין די הענט האַווען אַרום די צווײַגן פון די ביימער, ווי אין פּאַריקמאַכערסקע, אַנדערע שטייען אף א לייטערל און שנײַדן מיט זעגן, סע פאַלן צווײַגן אפן טראָטואַר און גאַנצע בערווענעס, און די ביימער אַליין ווערן קליינע אַרומגעהאַקטע פּניאָקעס, ענלעכע אף באַשעפּענישן פון קינדער־מײַסעלעך אָדער אף פאַרהוילענע מידבער־געוויקסן. ניט קיין באָאַבאַבן, ביכלאַל...

די פרויען אין בלויע כאַלאַטן באַוועגן זיך פּאָרויס צוערשט פון איין זײַט גאַס, פון פּאָטשט צו פּאָטשט, און נאָך זיי בלײַבן איבער באַשני־טענע ביימער מיט הויפנס צווײַגן אפן טראָטואַר, דערנאָך הייבן זיי אָן פון דער אַנדערער זײַט, אויך פון פּאָטשט צו פּאָטשט. נאָר שוין פון דער צווייטער פּאָטשט צו דער ערשטער. און אפן אַנטקעגנדיקן טראָטואַר באַ־ווײַזן זיך אויך באַשניטענע ביימער און צווײַגן אונטער זיי. און ווען די פרויען דערגייען צו דעם אָנגעהויבענעם עק, פּאָרן אָן מאַשינען, א סאַך לאַסטמאַשינען, ווי אין די טעג פון גרויסע שנייפאַלן. זיי נעמען צונויף די צווײַגן און בערווענעס, רייניקן אָפּ די טראָטואַרן, און אף דער גאַס ווערט ראַכוועסדיק און ליכטיק...

איך בין פאַרבײַגעגאַנגען די פרויען אין בלויע כאַלאַטן, פאַרבײַ די הויפנס אָפּגעזעגטע צווײַגן, צו דער פּאָטשט, צו וועלכער זיי זײַנען נאָך ניט דערגאַנגען. הינטער דער פּאָטשט, באַם ראָג, דאַרף שטיין די מאָ־ראָזשענע־פאַרקויפערן.

די פאַרקויפערן איז געווען אפן אָרט.

איך האָב איבערגעציילט דאָס קליינגעלט און דערלאַנגט:

— „לענינגראַדסקאָיע"!

— עפּשער דיר קויפן? — האָט עמעצער לעבן מיר געפרעגט. — פּריוועטיק!

לעבן מיר איז געשטאַנען אונדזער שכיינע, גאַליע, וואָס ווינט א שטאָק נידעריקער.

— ניין, איך האָב געלט, — האָב איך ארויסגעשטאמלט.

פאר גאליען שעם איך זיך עפּעס. זי איז עלטער פון מיר, קימאט א פּאָליעריקע, לערנט זיך אין טעכניקום און ארבעט שוין. ווען זי באגעגנט מיך אף די טרעפּ אָדער אין הויף, זאָגט זי שטענדיק אָט דעם „פּריווע-טיק!" און איך ענטפער ערנסט: „גוט-מאָרגן!"

— גוט-מאָרגן, — האָב איך איצט מיט א פארשפעטיקונג ארויסגע-שטאמלט.

— מיר — פּלאָמביר, — האָט אין איילעניש געזאָגט גאליע און דערנאָך צו מיר: — טו א קלער, איך וועל דיר נעמען נאָך, אויב דו ווילסט.

— ניין, מע דארף ניט, א דאנק.

— דו גייסט אהיים?

איך האָב געזאָלט זאָגן „יאָ, אהיים". ווּהין נאָך דארף איך גיין, אויב ניט אהיים?

— איך גיי אין ברויט-קראָם, — האָב איך גיך א מורמל געטאָן. — ניט אהיים.

איך ווייס אליין ניט, פארוואָס האָב איך אזוי געזאָגט.

— א שאָד, אניט וואָלט איך דיך פארבעטן צו זיך, היינט איז מיין געבורטסטאָג. קיילעכדיקע זיבעצן...

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר האָט פּאסירט און פארוואָס איך האָב זיך דערשראָקן. אפילע די מאָראָזשענע ניט אויסגעפּאקט, און בין אוועק צו דער ברויט-קראָם, דערנאָך צו דער מעטראָ. און בא דער מעטראָ האָב איך זיך דערמאָנט: „געדארפט זי באגריסן". און זיך גענומען פאָרשטעלן, וויאזוי האָב איך עס געדארפט טאָן. אלץ זיך פאָרגעשטעלט: וואָס איך זאָג, וואָס זי זאָגט, ווידער וואָס איך, ווידער וואָס זי. און אפילע דאָס, וואָס איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואגט: „מיר געפעלט זייער, ווען איך בין בא אייך, גאליע, איך זע..." ניין, בעסער אזוי: „איר געפעלט מיר זייער..." אָדער נאָך בעסער: „און איך..."

די מאָראָזשענע איז זיך צעגאנגען אין דער האנט, און איך האָב פארשטאנען, אז דאָס אלץ איז אומזיסט, זי איז דאָך אוועקגעגאנגען. כ'וואָלט געדארפט גיין מיט איר צוזאמען צו איר דירע, געדארפט בא-גריסן, געדארפט ארייננגיין צו איר, געדארפט קויפן בלומען, אָט דאָ טאקע בא דער מעטראָ...

געדארפט! אך, וואָס פאר א נאר איך בין!

די מאַראַזשענע האָט ענדגילטיק זיך צעלאָזט, איך האָב זי פאַרשלונגען, איינגאנצן זיך אויסגעשמירט, און זיך אומגעקערט צוריק אהיים. און ווידער זיך דערמאָנט: „און עפשער איז זי נאָך ניט דערגאנגען, זיך פארהאלטן?" איך האָב אָנגעהויבן גיין שטילער, לאנגזאמער.

און ווירקלעך, איך האָב ניט וווהין צו איילן. ס'איז נאָך ליכטיק אין דרויסן. און ביז אכט איז נאָך מער פון א האלבער שאָ.

נאָך צוויי ביימער און נאָך צוויי הויפנס אָפּגעזעגטע צווייַגן אונטער זיי. די פרויען אין בלויע כאלאטן רוקן זיך איבער צו דעם ווייַטערדיקן בוים. אלץ נעענטער צו דער פּאַטשט.

— און אים וואָס גייט אָן? ווי פון א גאנדז א פעדער! — האָט געזאָגט איינע, שלעפּנדיק דעם לייטער.

— זי איז אויך איר געלט ווערט! האָט געענטפערט א צווייטע מיט דער שער אפּן שטעקן און מיט א זעג אונטערן אָרעם. — דו וואָלסט זיכער פאר אזעלכן ניט כאסענע געהאט...

זיי האָבן געהאלטן אין איין בארעדן געוויסע איניאָנים זייערע.

ס'האָט פּאמעלעך אָנגעהויבן טונקל ווערן. ניט אזוי, ווי ווינטער, טייקעף, נאָר ביסלעכווייַז. עמעצער האָט פארהאנגען די פענצטער אין די הייַזער, עמעצער האָט פארהאקט די פּאַרטקע. אין צוויי, איינער נאָכן אנדערן דורכפּאַרנדיקע טראָלייבוסן, האָט מען אָנגעצונדן די שייַן.

די אייגנטימער פון הינט זייַנען ארויס אף א שפּאציר, און איך האָב באדויערט, וואָס בא אונדז איז ניטאָ קיין הונט. דער טאטע זאָגט: „ווי נאָר דו וועסט אונטערוואקסן, איך מיט דער מאמען האָבן ניט קיין צייַט". ריכטיק, זיי האָבן ניט קיין צייַט, נאָר איך וואָלט אפילע איצט...

און צי דען זייַנען אלע די, מיט די הינט, ווייניקער באשעפטיקט? אלטיטשקע און יינגערע, און פרויען. עמעס, קיין איין יינגל אָדער מיידל זעט מען ניט. צי זייַנען בא זיי קיין קינדער ניט פאראן? און נאָר הינט? דאָס איז ווי אין שוועדן. דער טאטע האָט דערציילט:

— איר מיינט, אז דאָרט כאַוועט מען הינט צוליב הינט? ס'לאָזט זיך ניט אויס! א קלוגער שוועד ווייסט, אז ער דארף שפּאצירן טאָגטעגלעך פון פיר ביז פינף שאָ... ס'איז ניצלעך פארן געזונט. דער הונט איז א גוטע געלעגנהייַט. איז אָט, כלינען ארויס אף די גאסן אין שטאָקהאָלם

אזעלכע הינט-באזיצער. אייניקע האָבן א שפּיל-הינטל, א הונט, אנדע-רע — א גאנץ פאַרשיידנאַרטיק הינטיש געווימל. צוויי, דריַי, פיר הינט. סע פירט זיי דער באַלעבאָס, סע פירט די באַלעבאָסטע. און זיי זיַינען צופרידן. די הינט גייען זיי אָן, ווי דער נעכטיקער טאָג. נאָר זיי זיַינען צופרידן, שפּאַצירן און אָטעמען איַין זויערשטאָף!

איך האָב נאָכאַמאָל א קוק געטאָן פאָרויס. ניין, גאַליען זעט מען ניט. וואָס איז מיט מיר? גענוג, גענוג צו טראַכטן וועגן איר. און וואָס קאָן זיַין?..

מיר איז אנטקעגנגעקומען א מאַנצבל מיט א וואָלפהונט — א קלוגן, שיינעם, מיט א שוואַרץ-גרויער פעל, און געקוקט האָט ער נאָר אויפן באַלעבאָס.

— הוליע, הוליע, דיאַנא, — האָט אויסגערופן דער באַלעבאָס. — בא מיר, פאַרשטייסט, איז אופגעקומען א געדאַנק... אויף דער אַרבעט איז דאָ א הינטיכע... פאַרשטייסט? דו הוליע, הוליע!

ער האָט גערעדט מיט דעם הונט, און געטראַכט, אַוואַדע, ניט וועגן אים, ניט וועגן זיך, נאָר אינגאַנצן וועגן עפּעס אַנדערש. נאָר גערעדט מיט דעם הונט, מיט דיאַנא.

און גאַליע האָט מיך גערופן. און איך בין ניט געגאַנגען. און איר גאָרניט געזאָגט.

— דו פאַרשטייסט, דאָס איז ניט קיין לינדנביימער, נאָר טאָפּאָלן! עמעס שמעקנדיקע טאָפּאָלן. אזעלכעס ניט וויסן. נו, שיראַיעוו!

נו איז וואָס שיראַיעוו! יאָ, שיראַיעוו. א מעטער מיט איין און זעכ-ציק, אגעוו, כאָטש מיר לערנען אין איין קלאַס, וואָלסטו א באַלן געוועזן וויסן, אַז אָט דעם סאַמע שיראַיעוו, אָט יענעם, פונעם אַכטן קלאַס, האָט איינע א מיידל איַינגעלאַדן. א דערוואַקסענע. זיבעצן יאָר אַלט, ניט אַזוי, ווי דו... און איך בין פּאַשעט ניט געגאַנגען, קיין צייַט ניט געהאַט. און לינדנביימער — טאָפּאָלן...

— אייגנטלעך, וויסן אַנדערע אויך ניט, גאָר ניט געפּערלעך. אויב דו ווילסט...

איך האָב ניט געוואוסט. אינגאַנצן ניט געוואוסט. א ביזע-ביזאַיען! קאָן זיַין, צען יאָר וווין איך אויף אָט דער גאַס און געהאַלטן, אַז דאָס זיַינען לינדנביימער.

— לינדנביימער זײַנען לאַכלוטן אנדערע. אפילע מיט גאַרניט קיין ענלעכע. אַט אַף דער גאַרקי־גאַס, צום בײַשפּיל, שיראיעוו... האָסט געזען?
וואָס פאר א בושע? נו ליפּע, נו טאָפּאָלן. ניט אַלציינס?
— דו ביסט געווען אַף דער גאַרקי־גאַס?
איך זאָל ניט זײַן אַף דער גאַרקי־גאַס! וויפל מאָל געווען, און אפילע איינמאָל בעקיוון געפאָרן. גאַליע איז אהין געפאָרן, און איך נאָך איר. פּאַשעט אַזוי. צוערשט מיט דער מעטראָ ביז „בעלאַרוסקאיא", דער־נאָך צופוס, נאָר אַזוי, אז זי זאָל ניט זען, ביז צו דער מיוסקאיא פּלאַ־שטשאד. דאָרט איז זי פארשוווּנדן. און איך האָב געטראַכט זי אָניאָגן און באגעגענען קלוימערשט צופעליק, נאָר ביז איך האָב געטראַכט, איז זי...
— אוואדע געווען! נו איז וואָס?
— גאַרניט. פּאַשעט אַף דער גאַרקי־גאַס וואקסן לינדנביימער, און אַף אנדערע גאַסן... און בא אונדז — טאָפּאָלן.
— איך ווייס, — האָב איך גלאַט אזוי א זאָג געטאָן. — און דו וואָס טוסט דאָ? צוליב וואָס?
איך האָב באמערקט, אז זי פּאָרעט זיך אין די הויפּנס אָפּגעשניטענע און אָפּגעזעגטע צווײַגן און ברעכט אָפּ זייערע שפּיצן.
— דיר איז ניט קיין שאָד?
— וואָס? — האָב איך געפרעגט א בייזער. — אויב דו ווילסט וויסן, האָב איך ליב הינט!
— וואָס פאר א שײַכעס האָבן דאָ הינט! איך רעד וועגן טאָפּאָלן. דיר איז ניט א שאָד, וואָס מע שנײַדט זיי אזוי און מע זעגט?
— דאָס דאַרף מען דאָך, — האָב איך געענטפערט. — זיי וואקסן בעסער, ווען מע שנײַדט זיי אונטער. מע זאָגט...
— בעסער וואָלסטו דײַנע האָר אונטערגעשוירן. זע, אינגאנצן באַ־וואקסן, — האָט זי געזאָגט. — און מיר, זײַ וויסן, טוט זייער לײַד. ניט דײַנע האָר, שיראיעוו, נאָר די טאָפּאָל־צווײַגן! איך ווייס, אז מע דאַרף זיי אונטערשנײַדן, נאָר פונדעסטוועגן א שאָד...

איצט האָב איך געטראַכט וועגן איר, וועגן ליזע קופּריקאָווא. וויפל יאָר מיר זיצן אַף איין באַנק, האָב איך אפילע קיינמאָל זי ניט באמערקט, און פּלוצעם דערזען. אַף דער גאַס דערזען און באמערקט. אָט די טאָ־פּאָל־צווײַגן און דער „שיראיעוו". אין שול רופט זי מיך אויך. „שיראיעוו".

דאָרט איז עפּעס אנדערש, דאָרט איז דאָך א שול. נאָר עפּעס אין שול זעט זי זיך ניט אָן (ניט קיין יאבעדע, ווי אנדערע מיידלעך, ניט קיין אויסגעצייכנטלערן, נאָר אזוי זיך...), דאָ האָט זיך פּלוצעם אנטפּלעקט וואָסערע זי איז. וואָסערע? און אינגאנצן א קליינינקע, ווי ניט אין אכטן, נאָר אין זעקסטן קלאַס וואָלט זי זיך געלערנט.

„דיר איז ניט קיין שאָד, וואָס מע שניידט זיי אזוי און מע זעגט?" מיר איז א שאָד, דיר איז א שאָד, אים איז א שאָד...

און וואָס גייט איר אָן מיינע האָר? מיינע האָר, דיינע האָר, זיינע האָר. בייגונג פון ווערבן! מיר האָבן עס אין דער קינדהייט געלערנט...

פארוואָס האָב איך געטראכט וועגן איר? געטראכט, גייענדיק פון דער גאס אין הויף, געטראכט, ווען איך בין געגאנגען איבערן הויף, און נאָר אריינקומענדיק אין טויער און אוועקשטעלנדיק א פוס אף די טרעפּ, האָב איך זיך דערמאָנט אין גאליען. איצט גיי איך דאָך פארביי איר דירע, ווו זי פראוועט אירע זיבעצן יאָר און וווהין זי האָט מיך פארבעטן...

אף די טרעפּ איז געווען שטיל. ניט אזוי, ווי ווען עמעצער פייערט עפּעס. דעמלט הערט זיך אלץ פון אונטן ביז ארויף. הייסט עס, מע פּראוועט גאָרניט? צו וואָס זשע האָט זי מיך פארבעטן? אומפארשטענדלעך...

איך בין פארבייגעגאנגען איר דירע. קיין שום געהילך. עפּשער אָנקלינגען? די מאמע אָבער האָט געזאָגט: „אכט אזייגער זאָלסטו זיין צוריק". איצט איז זיכער שוין אכט...

אינדערהיים האָט מען זיך מיט מיין קומען זייער דערפרייט. דער טאטע האָט מיך וועגן עפּעס געפרעגט, די מאמע איז געווען פארנומען אין קיך מיט צוגרייטן אָוונטברויט, צווישן זיך האָבן זיי ניט גערעדט.

איך האָב באלד פארשטאנען, אין וואָס עס גייט.

— וואָס, איר האָט זיך צעקריגט?

— צעקריגט, פארוואָס? ס'הייבט זיך ניט אָן! — האָט געזאָגט דער טאטע, עפּעס אומבאהאָלפן, זיך אופגעהויבן פונעם טיש און ארומגענומען די מאמע. — עמעס, איראָטשקע?

— עמעס, עמעס, הער אוף, — האָט געענטפערט די מאמע. — און סיוּוי ביסטו... עסט בעסער!

— כאראקטער! — האָט פארטרויקלעך א מורמל געטאָן דער טאטע, ווען די מאמע איז ארויס אין קיך. — נאָר וואָס קאָן מען טאָן!

— וואָס איז געשען בא אייך?

— גאָרניט, ס'וועט איבערגיין. א מילכאָמע דורכגעמאַכט. און דאָס... גאָרניט. ווייסט, ווי בא יענעם פּאָעט: „אַלץ פאַרגייט, אַלץ ווערט צע־מאָלן..."

— בא וועמען?

— אפן קאַווקאַז איז דאָ אַזאַ דיכטער, א קלוגער פּאָעט! ס'האָט זיך פאַרקריצט אין זיקאָרן אף אויסווייניק:

סע ווייסט, סע ווייסט די מיל:
אַלץ פאַרגייט, אַלץ ווערט צעמאָלן.
דאָס וויכטיקסטע איז מעל,
דאָס איבעריקע — פּאַלאָווע.

דאַכט זיך, איך בין אין יענער נאַכט ניט געשלאָפן.

כ'האָב געהערט, ווי עס דערוויטערן זיך אף אונדזער גאַס די לעצ־טע מאַשינען און טראָליי־בוסן און ווי דער טאַטע אין שכיינישן צימער זאָגט צו דער מאַמען:

— נו, וואָס איז אַזעלעכס! מיר לעבן דאָך ניט אין קיין לופטלאָזן רוים!

איך האָב געזען, ווי סע וויגט זיך דער לאַמטערן איבער די טויערן, געהערט, ווי סע בלאָזט דער פרילינג־ווינט אף יענער זייט פענצטער, און די ווערטער פון דער מאַמען צום טאַטן:

— און פאַרוואָס ווייסטו איר אַזויפיל אופמערקזאַמקייט? שענקסט איר מאַטאַנעס?

— וואָס פאַר א מאַטאַנעס? פּאַשעט א צייכן פון אָפמערקן דעם אַכטן מאַרט. בא איר איז דאָך א שווערער גורל. דער מאַן האָט זי איבערגעלאָזט, צוויי קינדער. סאָפּקאָלסאָף איז דער לוין בא איר דריי מאָל ווינציקער, ווי מייַנער... דו ביסט, דאַכט מיר, אייפערזיכטיק?

ווידער אַלץ זעלטענער און זעלטענער גייען אויטאָמאָבילן אף אונד־זער גאַס, און מע הערט שוין ניט די טראָליי־בוסן גיין.

— וויפל לעבן מיר שוין מיט דיר? דערמאָן זיך, וויפל?

— צוויי און צוואַנציק יאָר, וואָס איז? נאַר...

— א זון אופגעצויגן, דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע. דאָס סאַמע וויכטיקע! פאַרשטייסט? און צי דען...

— איך פֿאַרשטיי, כ'פֿאַרשטיי. איך פֿאַרשטיי אַלץ. ערגער זיך נאָר ניט!

און איך האָב געטראַכט וועגן גאַליען און וועגן ליזען. צוערשט וועגן ליזען, דערנאָך וועגן גאַליען. און מעגלעך, אַז פֿאַרקערט. ערגעץ האָבן זיי זיך צונויפֿגעגאָסן אינײנעם, און איך האָב דערזאָגט ליזען אַף דער גאָרקי־גאַס, און גערעדט מיט גאַליען וועגן טאָפּאָלן, און אַן א סאַך האָבן זיך געפּלאָנטערט די געדאַנקען.

„שיראָיעוו, — האָט געזאָגט צו מיר גאַליע, — עפּשער דיר נעמען?"

„פּריוועטיק! — האָט געזאָגט ליזע, ווײַזנדיק דעם שול־פּרישטיק. — מיר — פּלאָמביר!" און פּלוצעם גאַליעס שוין אינגאַנצן ניט פֿאַרשטענדלעכע ווערטער: „די הינט גייען זיי אַן, ווי דער נעכטיקער טאָג, און אַליין צופֿרידן — שפּאַצירן אַרום און אָטעמען זויערשטאָף!"

„צו וואָס דאַרפֿסטו די צווײַגן פֿון די באַשניטענע לינדנביימער?" — האָב איך געפֿרעגט.

„פֿאַרן ברויט־קראָם, דו גייסט דאָך אין ברויט־קראָם, און מיט מיר ווילסטו ניט".

„פֿאַרוואָס ביסטו מאַסקים, אַז דאָס איז ליפּע, ס'איז דאָך טאָפּאָל! דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט".

„סאַמע עכטע שמעקנדיקע טאָפּאָלן! נאָר מיר ווילט זיך מיט דיר הײַנט ניט שפּאַרן. בײַ מיר איז דער געבורטסטאָג... א ליפּע איז אַנדערש. פּאַשעט מיט גאָרניט ענלעך. אָט אַף דער גאָרקי־גאַס... נאָר אַף מײַן ערנוואָרט, בעסער פֿון אונדזער גאַס איז ניט פֿאַראַן... און וואָס פֿאַר א קלוגע מיר זײַנען געווען, וואָס מיר האָבן דעמלט זיך ניט אַריבערגעפּעקלט אַף לאָמאָנאָסאָווסקע!"

„וויפֿל לעבן מיר מיט דיר? דערמאָן זיך, וויפֿל?.. א זון אויפֿגעצויגן... דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע. דאָס סאַמע וויכטיקע! פֿאַרשטייסטו?"

אפֿן אַנדערן טאָג בין איך געגאַנגען אין שול אַזוי, ווי איך בין נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען. מיר האָט זיך געוואָלט גיין אין שול. איך האָב געוווּסט, אַז עפּעס וואַרט אַף מיר דאָרט, אויסער לימודים, אויסער אָטמעטקעס, אויסער...

אַנשטאָט צו גיין דורכן הויף, בין איך ארויס אַף דער גאס צו די אָפּגעזעגטע טאָפּאָלן. איך בין שטענדיק געגאנגען דורכן הויף, אזוי איז א סאך נעענטער.

די הויפנס צוויַיגן האָט מען נאָך ניט אָפּגעראמט. און די, פון וועלכע ליזע האָט אָפּגעבראָכן די שפּיצן, זיַינען געווען גאנץ. קיינער, מיסטאמע, האָט זיי ניט אָנגערירט, ניט צעטרייסלט.

נאָר ליזע איז דאָ ניט געווען. צוויי הונדערט מעטער דורך דער גאס, און איך האָב ווידער פארקערעוועט אין אונדזער הויף, פונקט אנטקעגן דער שול.

איך האָב געזוכט ליזע קופּריקאָווא, כאָטש דאָס איז געווען נאריש. אלציינס וועט זי קומען און זיך זעצן אַף דער באנק לעבן מיר, ווי א סאך, א סאך יאָרן.

איך האָב זיך דורכגעשמועסט וועגן עפּעס מיט די שילער באַם אריַינגאנג אין שול, אין גארדעראָב און פארן קלאס — אין קאָרידאָר אפן דריטן שטאָק האָב איך זי אַלץ געזוכט מיט די אויגן.

אוואדע האָב איך שוין פארפריַער געוווסט, וועגן וואָס איך וועל זי פרעגן.

פּאָשעט אזוי, ווי בייַלויפיק, ווען זי וועט זיך זעצן אַף דער באנק, אָדער אפילע בעשאס די לימודים:

„צו וואָס דארפסטו די צוויַיגן?"

„וואָסערע צוויַיגן?" — וועט זי פרעגן. און קאָן זיַין אויך צוגעבן: „שיראיעוו".

און דאָ וועל איך זיך שוין ניט טויע זיַין.

„טאָפּאָלן, וועלכע דו האָסט נעכטן צונויפגעקליבן".

ס'האָט זיך צעקלונגען דער גלאָק, און זי איז אַלץ ניט געווען. איך בין געזעסן אַף דער באנק איינער אליין. און צווישן די פארשפּעטיקטע, — בא אונדז פארשפּעטיקט שטענדיק עמעצער, — איז זי אויך ניט געווען.

אין איבערייַס האָב איך געפרעגט איינע פון די שילערנס:

— פארוואָס איז הייַנט קופּריקאָווא ניטאָ?

— ווייַזט אויס, קראנק געוואָרן, — האָט זי גלייַכגילטיק געענטפערט. — קימאט א האלבער קלאס פעלט. דו ווייסט דאָך: עפּעס א ווי-

רוס-גריף, מיט קאָמפּליקאַציעס. אָט איז בא טאַניע אַנטיפּאָווא א לונגען-אָנצינדונג...

א האַלבער קלאַס האָט מיך ניט אינטערעסירט. טאַניע אַנטיפּאָווא אויך ניט. און די לימודים אין דעם טאָג אויך ניט.

נאָכן פינפטן לימעד בין איך געגאַנגען שוין ניט מיט דער גאַס, נאָר ווידער דורכן הויף.

אין טויער האָב איך אומדערוואַרט זיך אָנגעשטויסן אף גאַליען.

— דו? אָט זייער גוט! פּריוועטיק! איך קאָן בעשום-אופן ניט עפענען דעם שלאָס.

איך בין רויט געוואָרן. זיך דערמאָנט, אז א גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן איר.

— גיט נאָר אהער, איך וועל פּרוּוון.

איך האָב בא איר גענומען דעם שליסל, אַרייַנגעשטעלט אין שלאָס. געדרייט אף לינקס, אף רעכטס, ניין.

— א טאַמעוואַטער שלאָס, — האָט זי געזאָגט. — און אזעלכע טראַכט מען אויס!

— סע באַקומט זיך ניט, — האָב איך אָנערקענט און נאָך מער רויט געוואָרן פונעם דורכפאַל. — בעשום-אופן ניט!

— נו, כאַפּט אים דער טייַוול! זאָל מייַן טייַער מאַמעלע זיך אָפּ-מוטשען. ס'איז איר אייַנפאַל! אפילע בעסער אזוי! — האָט גאַליע בייז גע-פייַערט, און איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. מיר האָט זיך אויסגע-וויזן, אז היינט איז זי עפּעס א מאָדנע, ניט ענלעך אף זיך...

— איך גיי, — האָב איך געזאָגט.

— מע קאָן פון דיר אָנקלינגען? — האָט געפרעגט גאַליע.

— מע קאָן, פאַרוואָס ניט...

מיר האָבן זיך אופגעהויבן א שטאָק העכער, צו אונדז. איך האָב טייקעף געעפנט די טיר.

— דו ביסט אליין?

— אליין, דער טאַטע און די מאַמע זייַנען אף דער אַרבעט... אָט איז דער טעלעפאָן.

— איך טו זיך אויס, ס'איז הייס אזוי.

גאַליע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם מאַנטל, זיך געזעצט צום טעלעפאָן, און איך האָב ניט געוווּסט ווו זיך אהינצוטאָן, אוועקגעלייגט

דעם פּאָרטפעל, צוליב עפּעס געגאַנגען אין קיך, זיך אומגעקערט, אין עסצימער זיך אויסגעטאָן און ווידער אין קיך.

איך וועל זיך דאָך ניט צוהערן צו איר שמועס אין טעלעפאָן.

נאָר כ׳האָב סיַיווי געהערט, אַן אומפאַרשטענדלעכן שמועס, וועלכן סע פירן געוויינלעך יינגלער, אַזעלכע ווי וואַלקע קאַרפּאָוו. נאָר דאָס וואָרט „פּריוועטיק" איז געווען אירס, און זי האָט עס אָף פאַרשיידענע אויפן איבערגעכאַזערט דריַי מאָל: אָט לעכערלעך, אָט בייז, אָט פאַר-וווּנדערט.

— גוט, איך גיי, — האָט זי צו עמעצן געזאָגט, און צום סאָף, — ביזן אָוונט, יאָ? נאָר דו טראַכט עפּעס צו, אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט...

אַראָפּלאָזנדיק דאָס טריַיבל, האָט זי מיך א רוף געטאָן:

— וווּ ביסטו?

— דאָ.

איך בין אַרויס פון קיך.

— כ׳האָב געהוליעט, — האָט זי זיך מוידע געווען לעבהאַפטיק-פריילעך. — און אינדערהיים ניט גענעכטיקט, און אָף דער אַרבעט ניט אַרויסגעגאַנגען. און וועל הוליען! בא דיר איז צופעליק ניט פאַראַן עפּעס אויסצוטרינקען?

— אויסטרינקען? וואָס?

— ניט קיין וואַסער, פאַרשטייט זיך, — האָט זי זיך צעלאַכט. — איר גיט שטענדיק אָפּ א סאַך ליידיקע פלעשער, איך ווייס, טו א קוק...

— דאָס איז, ווען געסט...

— זוך, זוך.

— אָט וועל איך א קוק טאָן אין קעלטער, — האָב איך מיט גרייט-קייַט צוגעזאָגט.

זי איז אַוועק מיט מיר אין קיך.

אין קעלטער איז עפּעס געווען. איך האָב אַרויסבאַקומען אַן אָנגע-הויבן פלעשל קאָניאַק, איר געוויזן.

— אָט דאָס איז א זאַך! — האָט זי זיך דערפרייט. — און מיר האָבן א גאַנצע נאַכט געכליעשטשעט בראַנפן.

און זי האָט אַליין אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע צוויי גלעזער:

— גיס אָן!

— נאָר... דאָס צווייטע צו וואָס?

— וואָס הייסט צו וואָס? דיר!
— וואָס רעדט איר! איך... מיר...
באַ מיר האָט זיך שיר פון דער צונג ניט אָפּגעריסן, אַז איך וועל אַזוי אויך מײַן כיילעק באַקומען, אויב די עלטערן וועלן באַמערקן, און איך זאָל נאָך אַליין אויך...
— נו, פּריוועטיק! זײַ געזונט! — האָט זי געזאָגט. — פּאַיעכאַלי! פאַר אונדזער שול! איך האָב אויך אין איר זיך געלערנט. און פאַר דיר!
גאַליע האָט אַרײַנגעצויגן אין זיך לופט, גלײַך ווי פאַרן אונטערטונקען זיך אין וואַסער, און אין איין אָטעם-צוג אויסגעטרונקען קימאַט די גאַנצע גלאָז.
איך בין געוואָרן געפּלעפּט.
דערנאָך האָט זי זיך צוגעזעצט, טאַקע דאָ, אין קיך, באַם טיש און לאַנג ניט אַוועקגעגאַנגען. און איך בין געשטאַנען לעבן איר, געשטאַנען מיט דער פלאַש אין האַנט און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן.
גאַליע האָט געשוויגן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר איז שלעכט געוואָרן, נאָר פּלוצעם האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מיר, זיך צעשמייכלט און געזאָגט:
— גוט, אוי, ווי ס'איז גוט, האַ! און איך געפעל דיר? זאָג, איך געפעל דיר?
— איך ווייס ניט, — האָב איך געענטפערט.
— איך ווייס, איך געפעל דיר! איך געפעל, געפעל, געפעל! און דו גייסט מיר נאָך, דו לויפסט, דו קוקסט, און מיר געפעלט עס. איך זאָג דיר אפילו, אַז ביכלאַל ביסטו נישקאָשע... נישקאָשע, נאָר ווען בלויז אַ ביסעלע עלטער. נאָר דו ביסט שוין ניט קיין קליינינקער. איך אין דײַנע יאָרן...
— איך ווייס ניט! — האָב איך ווידער אַרויסגעשטאַמלט.
— און איך ווייס! — האָט זי אַנטשלאָסן אויסגערופן. — און דערפאַר גיי צו צו מיר, שטעל זיך אויף די קני און טו אַלץ, וואָס דו ווילסט! איך דערלויב דיר אַלצדינג! איך, אויב דו ווילסט אפילו וויסן... דו געפעלסט מיר אויך!..

— וואָס ביסטו הײַנט עפּעס שוואַרצער פון אַ וואָלקן? — האָט געפרעגט דער טאַטע. — געכאַפּט אַ צווייער?

— און ווירקלעך, וואָס איז מיט דיר, זון? — האָט געפרעגט די מאמע, — דער טאטע איז גערעכט...

זיי האָבן זיך שוין איבערגעבעטן, און איך בין געווען דערפון צו־פרידן, נאָר מיר האָט זיך געוואָלט זיי זאָגן איצט, אז בעסער וואָלט געווען, ווען איך באקום א צווייער, און וואָס זײַנען בכלל צווייער, איינ־סער, דרײַער, פירער, פינפער, וואָס פאר א ווערט האָבן זיי, און ס'איז ניט אזוי וויכטיק, ווער וויאזוי עס לערנט זיך, וויכטיק איז עפּעס אנדערש, מער באדײַטנדיקס...

איך האָב עס ניט געזאָגט.

געזאָגט עפּעס אנדערש:

— ניין, הײַנט זײַנען קיין אָטמעטקעס ניט געווען.

און בא זיך האָב איך געטראכט: און ליזע איז הײַנט ניט געווען. און קיינער האָט זיך ניט געוווּנדערט. מע פארופט זיך אף עפּעס א „גריפּ".

— אייגנטלעך, — האָט געזאָגט דער טאטע, — הײַנט איז דאָ פאר דיר א זייער וויכטיקע באשטימונג, האָסט געהערט?

— ניין, וואָס פאר א באשטימונג?

— דאָס האָט אויך א שײַכעס צו דיר, און בכלל צו אלע אונטער־געוואקסענע, — האָט דערקלערט דער טאטע. — אף אײַך איז איצט די גאנצע אופמערקזאמקײַט. ביכער וועט מען פאר אײַך ארויסלאָזן מער, פילמען, פיזקולטור און ספּאָרט, און דאָס סאמע וויכטיקע, פארשטייט זיך, דערציִונג. מיט דערציִונג הייבט מען זיך אָן פארנעמען ערנסט...

— אונדז דערציט מען אזוי אויך...

— מע וועט נאָך בעסער. אגעוו... — האָט ער צוגעגעבן און ניט דערעדט.

אין אָט דעם אָוונט האָב איך זיך פרי געלייגט שלאָפן. ס'איז צוגע־גאנגען די מאמע, געוווּנטשן א גוטע נאכט און ווידער געפרעגט:

— עפּעס געפעלסטו מיר ניט הײַנט. וואָס איז געשען?

— ס'איז גאָרניט געשען. נאָר... זײַ א ביסל לעבן מיר, — האָב איך געבעטן. — און ווייסט וואָס? זאָג, פארוואָס דו, ווען דו רעדסט מיטן טאטן וועגן אונדזער גאס, אז זי איז די סאמע בעסטע, דערמאָנסטו שטענדיק דעם לאָמאָנאָסאָווסקי פּראָספּעקט. פארוואָס? און ווען מיר וואָלטן אהין אריבערגעפאָרן דעמלט?

די מאמע האָט זיך פארלוירן.

— דאָס איז קאָמפּליצירט, זון. און ניט פאר...

— איך בין שוין ניט קיין קליינינקער, — האָב איך געזאָגט, — און גלייב, מיר איז זייער, זייער וויכטיק צו וויסן, פארוואָס...

— יאָ, דו ביסט שוין ניט קיין קליינינקער, — איז די מאמע מאַ-סקים געווען, — וויאַזוי זאָל איך עס דיר אַלץ דערקלערן? ביכלאַל טרעפט זיך אַן איבערשלאָג אין יעדן מעכאַניזם, איז אָט צווישן מיר מיטן טאַטן געווען דעמלט אַן איבערשלאָג. אויב אָף לאַמאַנאָסאָווסקע, וואָלט ער אַהין אליין אריבערגעפאָרן. אָן מיר מיט דיר. נאָר ער האָט זיך ארויס-געוויזן פאר זייער א קלוגן און גוטן, דיין פאָטער, און דערמאָנט מיר ניט... וועגן גאָרניט... ער וואָלט געקאָנט!

— און איר קריגט זיך? — האָב איך זיך דערמאָנט.

— דאָס איז אַזוי! צוליב נארישקייטן, — האָט געזאָגט די מאמע, — איך בין שולדיק און פארשטיי אַלץ. מער וועל איך קיינמאָל ניט. און איך טאָר ניט אָף אָט דער גאס זיך קריגן מיטן פאָטער... די גאס איז דאָך מיינע... נו, וויאַזוי זאָל איך דיר זאָגן?.. פּאָשעט געפונען דאָס פארלוי-רענע גליק און...

— וואָס „און"?

— מע דאַרף ניט, זונעלע, גוט? שלאָף! נאָר וועגן אונדזער שמועס זאָג ניט דעם פּאפּא גאָרנישט... דו ביסט דאָך א דערוואַקסענער!

נאָך צוויי טעג בין איך געווען אין שול, און דערנאָך אויך קראַנק געוואָרן. אָף דעם זעלבן גריפּ מיט קאָמפּליקאַציעס. קראַנק געוואָרן ניט צו דער צייט — אין סאָף פונעם לערניאָר, מע דאַרף אונטערציִען דאָס לערנען פאר די עקזאַמענעס. אין אכטן קלאַס, אַזויווי אומיסטן, זיינען געבליבן די עקזאַמענעס, כאָטש ניט פארשטענדלעך צוליב וואָס, אַלציינס נאָך צוויי יאָר זיך לערנען.

מע זאָגט, אז אין א קרענק וואַקסן מענטשן גיך. איך ווייס ניט, צי בין איך אויסגעוואַקסן, צי ניט, נאָר איך האָב א סאך געטראַכט, בעשאַס איך בין געלעגן דריי וואָכן. וועגן וואָס? וועגן טאַטע-מאמע, בא וועלכע ס'האָט עפּעס געטראָפן, ווען איך בין נאָך געווען א קליינינקער, וועגן אונדזער שול, ווו אַלץ ווערט געמאָסטן לויט די אָטמעטקעס, צו וואָס מ'איז שוין צוגעוווינט, נאָר מע באמערקט ניט, קאָן זיין, דאָס סאמע וויכטיקע. אַזעלכע, ווי איך, ווי ליזע, גאַליע. און גאַליע האָט אויך זיך

געלערנט אין אונדזער שול. זאָל זײַן פרײַער, נאָר זיך געלערנט... און וועגן די סאמע אונטערגעוואקסענע, וועלכע מע דארף דערצײַען. און וועגן די טאָפּאָלן אף אונדזער גאס... און וועגן...

דעם דריטן מײַ האָט מען מיר דאָס ערשטע מאָל דערלויבט ארויסגיין אף א שפּאציר.

איך בין ארויסגעגאנגען, דער קאָפּ האָט זיך געדרייט, אלץ איז שוין געווען גרין: די טאָפּאָלן אף דער גאס, די עפּלביימער אין סאָד „לעבן פּיטער", און די גראָזן...

צי נאָך דער שלאפקייט, צי דערפאר, וואָס איך בין געוואָרן קליגער, נאָר מיר איז אלץ געפעלן, און איך האָב זיך דערמאָנט, אז אונדזער גאס איז אן אויסערגעוויינלעכע גאס — די בעסטע און די שענסטע, און, קאָן זײַן, איך בין פּאָשעט געווינט צו דעם, וואָס עס רעדט דער טאטע מיט דער מאמען. פאר זיי, איצט פארשטיי איך, איז אונדזער גאס... אָבער נאָר פאר זיי? און פאר מיר?

איך האָב פארקערעוועט פון דער גאס אין הויף און זיך געלאָזט צו דער שול, ווו איך בין אזוי לאנג ניט געווען. פארוואָס אהין, ווייס איך ניט.

אלץ איז געווען אָן קיין שום ענדערונגען. אין א פּאָר מינוט ארום האָבן פון די שול-טירן אָנגעהויבן ארויסשיטן שילער פון די עלטערע קלאסן. און אויך אונדזערע.

איך האָב לאנג און אויספירלעך דערקלערט, ווי־אזוי איך בין שלאָף געווען, מיט וואָס זיך געהיילט, דערציילט, אז כ'האָב צוביסלעך געמאכט די לימודים, קעדיי ניט בלײַבן הינטערשטעליק, אז מאָנטיק קום איך שוין אין שול. אזוי האָט געזאָגט די דאָקטערשע.

עמעצער האָט באמערקט, אז איך בין געוואָרן אָפּגעצערט, עמעצער — אז איך בין בלייך, אנדערע האָבן גאָרניט געזאָגט, און מיר איז געווען אלציינס.

— און וואָס, קופּריקאָווא איז נאָך קראנק? — האָב איך געפרעגט אזוי, בײַלויפיק.

— קופּריקאָווא? זי דעזשורעט אין קלאס. אָט וועט זי אלץ אופראמען און וועט ארויסקומען...

איך האָב זיך נאָך לאנג ארומגעדרייט איבערן שול-הויף, ביז כ'האָב ענדלעך דערהערט:

— שיראיעוו? וואָס טוסטו דאָ?..

— איך וואַרט אָף דיר, — האָב איך זיך ניט געשעמט צו זאָגן. — אָט האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט, און איך בין געקומען.

— שיראיעוו!

דאָ האָב איך, דאַכט זיך, איינגאַנצן זיך אָנגענומען מיט מוט:

— בעשאַס איך האָב זיך געוואַלגערט אין בעט, האָב איך אַ סאַך געטראַכט. וועגן דיר און... זאָג, צו וואָס האָסטו דעמלט צונויפגענומען די טאָפּאָל־צווײַגן? כ'האָב אַלץ געוואָלט בײַ דיר פֿרעגן.

— און אָף זיי זײַנען שוין דאָ קנאָספּן: בלעטעלעך און וואָרצ־לען, — האָט געזאָגט ליזע. — איך וויל זיי אין פּאַרק לעבן „פּיטער” פֿאַרזעצן. זאָלן זיי וואַקסן, די ביימער! זיי וועלן אויסוואַקסן, און איך וועל זיך דערמאָנען — זיי זײַנען מײַנע! ווילסט, וועלן מיר אינייינעם זיי פֿאַרזעצן?

— איך וויל, — בין איך מאַסקים געווען. — נאָר ווען?

— כאָטש מאָרגן. מאָרגן איז פּונקט אַן אָפּרו־טאָג!

מיר האָבן נאָך וועגן עפּעס גערעדט, און איך האָב אַליין זיך גע־וווּנדערט אָף מײַן דרייסטקײַט און נאָך מער דרייסט געוואָרן, ווען ליזע האָט געזאָגט, אַז זי האָט געוואָלט קומען צו מיר אַהיים, נאָר זיך פֿאָשעט געשעמט.

— מאָרגן, ווילסט, קום, — האָב איך פֿאַרגעלייגט. — מיר וועלן פֿאַרזעצן דײַנע צווײַגן, און דערנאָך צו מיר. איך וועל דיך באַקאַנען מיט מײַנע עלטערן...

פֿאַרוואָס האָב איך אַזוי געזאָגט?

— מיך וועט זייער פֿרייען, — האָט אָנערקענט ליזע. — הייסט עס, צוועלף אַזייגער בײַ יענעם טאָפּאָל, יאָ?

— בײַ יענעם...

איך האָב ניט באַמערקט, וויאַזוי איך האָב ליזען באַגלייט ביז צו איר דירע, און בעשאַס מיר זײַנען געגאַנגען, האָב איך קימאַט גאָרניט געזען. ערשט אומקערנדיק זיך האָב איך דערזען די גאַנצע גאַס אונדזע־רע און די טאָפּאָלן מיט אָפּגעשניטענע צווײַגן, אָף וועלכע סע זײַנען שוין געוואַקסן פֿרישע קנאָספּן.

אַ גאַס ווי אַ גאַס. זי וואַרפֿט זיך מיט גאָרניט אין די אויגן. הײַ־

זער — לינקס, הײַזער — רעכטס. הײַזער פֿון גרויע ציגל. דאָס איז א סאך בעסער, ווי פֿון בלאָקן. ביימער לענגויס די טראָטוארן מיט יונגע פֿרישע טאָפּאָלן... זיי זײַנען בעסער ווי לינדנביימער. לינדנביימער הייבן ערשט אָן שפּראָצן, און די טאָפּאָלן, אפֿילע אונטערגעזעגטע, גרינען שוין. און אַלץ איז דאָ אף דער גאס נאָענט...

— בא אונדז איז א געשעעניש, — האָט אין אָוונט געמאָלדן דער טאטע. — געדענקסט מײַן פֿרײַנט, דעם אמעריקאנער פֿון פֿילאדעלפֿיע? האָט ער אונדז צוגעשיקט זײַן בוך: „אוֹאָן ענד ע האף מײַלז ביי פוט אַלאָנג א ראשן סטריט. מעמוואָז אף ען אמעריקן טרעוועלער"[1]. מאָלאָ-דיעץ, גארי! א זייער אָביעקטיוו און גוט בוך אָנגעשריבן. דאָרט איז עפּעס פֿאראן אויך וועגן מיר מיט דער מאמען, ווי וועגן מענטשן, וועלכע זײַנען פֿארליבט אין אונדזער גאס. און אפֿילע וועגן דיר, אין דעם פּראט, אז דו, ווי אַלע קינדער, באציסט זיך גלײַכגילטיק צום אָרט, ווו דו וווינסט...

— איך האָב אויך ליב אונדזער גאס, — האָב איך געזאָגט, — פֿונוואנען ווייסט ער? איך בין ניט גלײַכגילטיק, נאָר זייער...

— און נאָך שרײַבט גארי, אז כאָטש אונדזער גאס איז היסטאָריש מיט גראַניט אויסגעצייכנט, איז זי אָבער אין דער ווירקלעכקײַט אונדזער געשיכטע אליין. אויסגעוואקסן דאָרט, ווו ס'איז פֿריִער גראַניט געוועזן. באזעצט מענטשן נײַע, געבוירענע בא אונדזער מאכט. און אונדזער גאס איז א בײַשפּיל...

— פּאפּא! אויב איך וועל דיך בעטן, — האָב איך איבערגע-שלאָגן, — זאָלסט מיר געבן א רובל, וועסטו געבן?

— אוודע וועל איך געבן, נאָר צו וואָס?

— איך וויל איצט א לויף טאָן אין פֿאריקמאכערסקע, קאָלזמאן ס'איז נאָך אָפֿן, איך בין דאָך אינגאנצן באוואקסן.

— וואָס, מאמע? — האָט געזאָגט דער טאטע. — אָפּלאָזן אים, דעם זון אונדזערן?

— אָפּלאָזן, — איז מאסקים געווען די מאמע. — ער איז שוין בא אונדז א דערוואקסענער. זאָל ער אליין פֿאר זיך זאָרגן!

---

[1] אָנדערהאלבן מײַל צופֿוס איבער איינער א רוסישער גאס. גאָטיצן פֿון אן אמעריקאנער רײַזנדער.

אָנשטאָט אַ נאָכוואָרט:
אומשטערבלעכע מענטשלעכקייט

שאָלעם־אַלייכעם איז אַ דערשײַנונג פֿון אַלוועלטלעכער באַדײַטונג. די דאָזי־קע אָגשאַצונג אַנערקענען מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פֿון אַלערליי דוירעס. און מיר שטאָלצירן מיט דעם, וואָס זײַן מעכטיקער טאַלאַנט איז געבוירן געוואָרן און האָט געריפּט גראָד אױף דער רוסלענדישער ערד, אין דער טקופֿע פֿון פּאַר־רעוואָליוציאָנערע שטורעמס און אומרייסלונגען, אינעם פּעריאָד, ווען עס האָט זיך אויסגעפֿורעמט דער קלאַסעווער זעלבסטבאַוווסטזײַן פֿונעם פּראָ־לעטאַריאַט אין קאַמף קעגן דעם פֿאַרדאָרבענעם צאַרישן רעזשים, וועלכער האָט פֿאַרוואַנדלט רוסלאַנד אין אַ טפֿיסע פֿון פֿעלקער.

איך בין ווײַט פֿונעם געדאַנק אָנצורופֿן שאָלעם־אַלייכעמען באַוווסטזיניקער רעוואָליוציאָנער. יאָ, ער איז געווען באַקאַנט מיט דער לערע פֿון מאַרקסן. יאָ, ער איז געשטאַנען נאָענט צו די רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן, נאָר קיין מאַרקסיסט איז ער ניט געווען. אָבער שאָלעם־אַלייכעמס עכטער טאַלאַנט איז געוואָרן יענער זיכערער קאָמפּאַס, וועלכער האָט דערפֿירט דעם מעכאַבער צו ריכטיקע סאָציאַלע אויספֿירן און אָפּשאַצונגען און אָביעקטיוו מיטגעהאָלפֿן דער רעוואָליוציאָנערער דערציִונג פֿונעם לייענער.

אַלס גרונטלייגער פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור איז ער געווען פּראָגרע־סיוו אויך אינעם אויסוואַל פֿון דעם לאָשן פֿאַר זײַנע ווערק. דער שרײַבער האָט אָפּגעוואָרפֿן העברעיִש — דעמאָלט די שפּראַך פֿונעם רעליגיעזן קולט בײַ די ציִע־ניסטיש־געשטימטע קרײַזן פֿון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, און שוין דערמיט אַליין האָט ער געמאַכט אַ סאָציאַלן און, כ׳באַמערק, פֿאַר יענער צײַט אַ ניט לײַכטן אויסוואַל. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אױף ייִדיש — דעם פֿאָלקס־לאָשן, דער רייד־שפּראַך, דער שיינער, רײַכער, זאַפֿטיקער שפּראַך פֿון די מאַסן. דער קינסטלער האָט אויסגעהאַלטן די אָנפֿאַלן און די העצע מיצאַד די אָפּגעריסענע פֿונעם רעאַלן לעבן ייִדישע רעדלפֿירער, וועלכע האָבן געהאַלטן ייִדיש פֿאַר אַ זשאַרגאָן, פֿאַר

א דיאַלעקט, פאַר דער וווּלגאַרער באַגרענעצטער שפּראַך — מיט איין וואָרט, פאַר־דער שפּראַך פונעם אמכאַ. אָבער טאַקע פאַר אָט די „אונטערשטע" פאָלקס־שיכטן — פאַר די סאַמע פּראָסטע מענטשן האָט דאָך שאָלעם־אַליכעם געשריבן.

שאָלעם־אַליכעמס שאַפונג איז וווּנדערבאַר לויט איר סאָציאַלער טיפקייט, לויט דער מענגע קאָלאָריטפולע, לעבעדיקע געשטאַלטן פון מענטשן — אָרעמע און רייכע, אונטערדריקער און אונטערדריקטע, בעריעס און אומגעניטע, לייטישע און אומאָרנטלעכע. דאָס איז א גאַלעריי פון זעלטענע מענטשלעכע טיפּן פון פאַרשיי־דענע נאַציאָנאַליטעטן, און קוידעמקאָל, פאַרשטייט זיך, פונעם יידישן האַמוין אויף דעם ראַנד פון דער שאַרפער קלאַסן־צעשיכטונג.

דער ניט־פאַרומערטער, מאָראַליש־קרעפטיקער און געזונטער טעוויע, דער באַ־שיידענער שניידער שימען־עליע, דער אָרעמער גיבער נאַכמען וואַרעבאָווסקי, דער יונגער רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסט מישע גרויעוויטש, דאָס זויבער־ריינע יינגל מאָטל, די אומגליקלעכע עמיגראַנטקע בראָכע — אָט די און אַנדערע פּערסאָנאַזשן זיינען באַשריבן מיט ליבע און צערטלעכקייט, מיט א זיכערער אַריינדרינגונג אין די הערצער און נעשאָמעס זייערע, מיט גלויבן אין דעם עמעס און אין מעגלעכן גליק.

און ווי צאָרנדיק און סאַרקאַסטיש עס ווערט די פּען פונעם קינסטלער, ווען ער שאַפט די פיגורן פונעם גוויר מאָרדכע־ניסן, פונעם געשעפטמאַכער פייפער, פו־נעם שווינדלער אַרקאַדי שווייצער, פונעם לעמבערגער מעצענאַט לעוויוס, פון די דורכגעטריבענע פאַרשוינדלעך קלאַמער, מוראַווטשיק, שוואַלב...

שאָלעם־אַליכעם איז געווען א קינסטלער־פּאַרויסזעער. לעבנדיק אין די שווער־סטע באַדינגונגען פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, האָט ער מיטן גאַנצן וועזן געגלייבט אין דער ליכטיקער צוקונפט פונעם יידישן האָרעפּאַשנעם פאָלק, אין דעם גליקלעכן גורל פון זיין היימלאַנד.

צוויי יאָר פאַרן טויט האָט דער שרייבער נעוויזיש באַמערקט: „די צוקונפט פון אונדזער פאָלק איז דאַפקע דאָ, אין דעם דאָזיקן לאַנד, ווו מיר לעבן. די שווערע צייט וועט פאַריבער, די פינצטערע וואָלקנס וועלן פאַנאַנדערגיין, דער הימל וועט לויטער ווערן..."

דאָס לעבן האָט ניט געבאַלעוועט שאָלעם־אַליכעמען. א זון פון ניט קיין רייכע, און אינגיכן אינגאַנצן פאַראָרעמט געוואָרענע עלטערן, א טאַלמיד פון א יעשיווע — א יידישן רעליגיעזן לערן־אַנשטאַלט, דערנאָך פון אַן אויעזדנער שול, א לערער פון דער רוסישער שפּראַך און א ניט צו שטאַנד געקומענער קאַ־זיאָנע ראַבינער, א ניט־געראָטענער געשעפטמאַכער און אַן אַנערקענטער אין דער גאָרער וועלט שרייבער, דער מענטש, וועלכן עס האָבן הויך געשעצט קאָ־ראָלענקאָ, טשעכאָוו, טאָלסטאָי, גאָרקי, דער מעכאַבער, וועלכער פאַרמאָגט ניט קיין גראָשן אין קעשענע, דער פּאַטריאָט, וועלכער האָט געטרוימט פאַרענדיקן

זײַן לעבנסוועג אױף דער לײַבלעכער פּאָלטאַווששינע, און דער עמיגראַנט, וואָס איז מעקאַבער געוואָרן אויף דעם ווײַטן ניו־יאָרקער בעסוילעם — אַזעלכע זײַנען די פּאַראַדאָקסן פון אָט דעם דאָזיקן לעבן.

אָבער אָט דער טראַגישער איבערפלעכט האָט ניט געקאָנט ענדערן זײַן ליכ־טיקע, פרײדיקע און אָפּטימיסטישע נעשאָמע.

אַליין שאָלעם־אַלייכעם פלעגט זאָגן, אַז דער לעבנס־יאַם פון טרערן, דורכ־גײענדיק דורך זײַן שעפערישער פריזמע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלעכ־טער. אַוודע איז די נאַטור פון שאָלעם־אַלייכעמס געלעכטער ניט קײן פּאַשע־טע. נאָך מער, זי איז אַ ווידערשפּרעכלעכע. און נאָך פינקטלעכער, די טרערן און דער געלעכטער גיסן זיך צונויף אינײנעם, שאַפן אַ געשמעלץ, ווי עס טרעפט אָפּט אינעם לעבן.

און דאָ איז אוממעגלעך ניט צו דערמאָנען די צוויי גרויסע רוסישע קינסטלער, פאַר וועמענס שאַפונג שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַט שטאַרקן אָפּשײַ — גאָגאָלן און טשעכאָוון. די רוסישע קולטור און די רוסישע ליטעראַטור, ווי, פאַרײנוועגס, אויך די פּאָרגעשריטענע אוקראַאִינישע ליטעראַטור, האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן אײַנפלוס אויף דער שאַפונג פונעם באַרימטן מײַסטער, און דער רוסישער לײענער פלעגט אַרויסווײַזן אַ גוואַלדיקע און פאַרינטערעסירטע אַכטונג צו זײַנע ווערק. שוין אין די יאָרן 1910 — 1913 זײַנען דערשינען געזאַמלטע ווערק פון שאָלעם־אַלייכעמען אויף רוסיש אין 8 בענדער. שאָלעם־אַלייכעמס ביכער זײַנען געזעצמע־סיק אַרײַן אינעם לײען־קרײַז פון דעם רוסישן מענטש.

אַ קאָלאָסאַלע ירושע האָט איבערגעלאָזט דער וועלט שאָלעם־אַלייכעם: „מע־נאַכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „פונעם יאַריד", „מאָטל פּײסי דעם כאַזנס", „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי", „בלאָנדזנדע שטערן", „שריפטן פון אַ קאָמיוואָיאַזשאָר", „שאָמערס מישפּעט", „דער בלוטיקער שפּאַס", צענדליקער פּיעסעס, דערציילונגען, לידער, אַרטיקלען און דאָס אַלץ האָט אויסגעהאַלטן דעם אויספּרוּוו פון דער צײַט.

אַ שרײַבער און אינטערנאַציאָנאַליסט, האָט שאָלעם־אַלייכעם קײנמאָל ניט קעגנגעשטעלט דעם גוירל פון זײַן פאָלק די גויראָלעס פון אַנדערע פעלקער. אין קעגנזאַץ צו דער טראַדיציאָנעלער „רײן־נאַציאָנאַלער" ייִדישער ליטעראַטור, וועל־כער ס'איז געווען אײגנטימלעך „דער אײביקער געוויין אויף די טײַכן פון באָוול", האָט ער געשאַפן אַ נײַע, אָפּטימיסטישע ריכטונג, אַרויסגעפירט אינגאַנצן נײַע העלדן. אַזעלכע זײַנען, לעמאָשל, דער רוס בערעזניאַק, דער אוקראַאִינער ראָמאַנענ־קאָ און די ייִדישקע מאַשע באַשעוויטש — די פּערסאָנאַזשן פונעם ראָמאַן „דער מאַבל". און ווי נעוויִיש קלינגען מאַשעס ווערטער אינעם פינאַל פון דעם ראָמאַן, אין וועלכע עס זײַנען וווּנדערלעך קלאָר און שטאַרק אויסגעדריקט דער איקערדיקער זין און די מיסיע פון שאָלעם־אַלייכעמס גאַנצער שאַפונג: „אַ בלוט־שטראָם וועט

זיך צעגיסן איבערן גאנצן לאנד. בלוט־כוואליעס וועלן דערטרינקען די זינדיקע ערד און וועלן אָפּווישן פון איר דאָס גאנצע שמוץ און דערנאָך וועלן זיך צעזייען די שווארצע כמארעס, די זון וועט לײַכטן אינעם בלויען הימל, און מיט פריידיקער שײַן וועט באהעלט ווערן די גאנצע ערד".

באזונדערס טײַער און נאָענט דעם מעכאַבער איז דאָס געשטאַלט פון טעוויע דעם מילכיקער. און, זעט אויס, ניט צופעליק לייגט ארוף שאָלעם־אַלייכעם אף טע־וויעס צונג פיל פון זײַנע אייגענע אָנשויונגען אין די פראגן פון עטיק, מאָראַל און פּאָליטיק. טעוויע פראָקלאַמירט די אידייען פון גלײַכהײַט, ברודערשאַפט פון פעל־קער, טרעט ארויס קעגן נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקײַט, רוגזע: „און פארוואָס האָט גאָט באַשאַפן ייִדן און ניט־ייִדן? און אז גאָט האָט שוין יאָ באַשאַפן ייִדן און ניט־ייִדן, פארוואָס זשע זאָלן זיי זײַן אזוי אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע, גלײַך ווי דער איז פון גאָט און יענער איז ניט פון גאָט?"

אמערסטן אוטאָביאָגראַפיש אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג איז דער ראָמאַן „פונעם יאריד". „פונעם יאריד" — דאָס איז די לעבעדיקע געשיכטע פונעם מאַ־צעוו פון דעם רוסישן ייִדנטום. די געשיכטע פון זײַנע ליידן און האָפענונגען, און, ווי עס האָט געזאָגט אַליין דער מעכאַבער, „דאָס ווערק פון מײַנע ווערק, דער בוך פון מײַנע ביכער, דער שיר־השירים פון מײַן נעשאָמע".

שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען געווען פרעמד די זײַטן פון דער בורזשואַזער וועלט, די אזויגערופענע מײַרעוודיקע פרײַהײַטן. ביפראַט די „אמעריקאַנער דעמאָקראַ־טיע". ער האָט געזאָגט וועגן די פאַראייניקטע שטאַטן: „מיר, די ייִדישע ליטעראַטן, זײַנען פאַרשקלאַפט דאָרט, אין דעם פרײַען לאַנד, א סאַך מער, איידער אַלע אַנ־דערע קנעכט פונעם קאַפּיטאַליזם". אויך דאָ האָט זיך שאָלעם־אַלייכעם ארויסגע־וויזן פאַר א פּאָרויסזעענדיקן. ווי מיר ווייסן, האָט זיך ווייניק־וואָס געענדערט אין פּשאַ פאַר די דורכגעגאַנגענע יאָרצענדליקער אין פּראַט פון מענטשן־רעכט.

זײַענדיק געפערלעך קראַנק, א פאַרוואָרפענער מיצאַד דעם גוירל אין דער פרעמד, האָט שאָלעם־אַלייכעם געטרוימט זיך אומקערן אַהיים. אָבער די קרענק האָט ניט דערלויבט עס פאַרווירקלעכן. און דעריבער איז געבוירן געוואָרן זײַן צוואָע: „ווו איך זאָל ניט שטאַרבן, זאָל מען מיך באַהאַלטן ניט צווישן אריסטאָ־קראַטן, מעיוכאָסים אָדער גווירים, נאָר גראָד צווישן פּראָסטע ייִדן, אַרבעטער, מיטן עמעסן פאָלק, אזוי אז די מאַצייווע, וואָס מע וועט דערנאָך אַוועקשטעלן אף מײַן קייווער, זאָל באַשײַנען די איינפאַכע קוואָרים אַרום מיר, און די איינפאַכע קוואָ־רים זאָלן באַפּוצן מײַן מאַצייווע, אזוי ווי דאָס פּראָסטע ערלעכע פאָלק האָט פאַר מײַן לעבן באַשײַנט זײַן פאָלקס־שרײַבער".

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז ער קאָן זײַן אויסערן איי־גענעם פאָלק אפילע נאָכן טויט. אָן עכטער פאָלקס־שרײַבער האָט ער ניט געקאָנט

טראַכטן וועגן זײַן לעבן, און דאָס הייסט וועגן זײַן שאַפונג, אָן דער באַרײַכערנדיקער יעדן עמעסן קינסטלער פאַרבינדונג מיט די פאָלקס־גוירלעס.

אינעם ווערק „שאָמערס מישפּעט״ האָט ער אַזוי געמאָלט זײַן שעפערישן קרעדאָ: „אַ שרײַבער... אַ פאָלקס־שרײַבער, אַ קינסטלער, אַ פּאָעט איז פאַר זײַן צײַט, פאַר זײַן טקופע אַן אייגנאַרטיקער שפּיגל, אין וועלכן עס בילדן זיך אָפּ די שטראַלן פונעם לעבן, ווי אין אַ ריינעם קוואַל — די שטראַלן פון דער זון״... אָט דער איינקלאַנג מיט דער עפּאָכע, וועלכער איז פרי:ער פאַר אַלץ אַן אָפּשפּיגלונג פון די פּראָגרעסיווע, הומאַניסטישע פּאָזיציעס, פון די לעבנסוויכטיקע פּראָבלעמען, וועלכע רעגן אין אַלע צײַטן די מענטשהײַט, האָט געמאַכט שאָלעם־אַלייכעמען אומשטערבלעך.

דעם שרײַבערס הומאַניזם און מענטשלעכקײַט, זײַן אינטערנאַצי:אָנאַליזם האָט שטענדיק אַרויסגערופן און רופן אויך איצט אַרויס אַ שיגאָענדיקן רישעס בא די רעאַקצי:אָנערע קויכעס. אָט פאַרוואָס אין די כוישעכדיקע צײַטן פונעם פאַשיזם האָבן די היטלעראָווצעס געוואָרפן אָף די שײַטערס שאָלעם־אַלייכעמס ביכער איניינעם מיט די אַנדערע ווערטן פון דער אַלוועלטלעכער קולטור. און ווי, כ׳לעבן, ניט ווײַט פון יענע פאַשיסטן זײַנען אַוועק די איצטיקע פאַרביסענע צי:ע־ניסטן, וועלכע קריכן פון דער הויט, קעדיי פאַרשווארצן דעם נאָמען און די שאַפונג פונעם גרויסן קינסטלער, באַשולדיקנדיק אים סײַ אין באַליידיקן יי:דן, סײַ אין דעם, אַז ער האָט ניט קיין אָפּשײַ צו די נאַצי:אָנאַלע טראַדיציעס פון זײַן פאָלק, און אַפילע אין דעם, אַז ער איזדיעקעוועט זיך איבער די געבאָטן פון די אָוועס.

שאָלעם־אַלייכעמס ווערק האָבן שטאַרק באַאײַנפלוסט און זעצן פאָר קאָלאָסאַל צו באַווירקן די אַנטוויקלונג פון דער הײַנטצײַטיקער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור. אָט די גײַסטיקע האַשפּאָע לאָזט זיך פילן אין דער שאַפונג פון אַזעלכע גרויסע מײַסטערס פון דער סאָוועטישער יי:דישער ליטעראַטור, ווי אָשער שוואַרצמאַן, דאָוויד בערגעלסאָן, דאָוויד האָפשטיין, פּערעץ מאַרקיש, אַרן קושניראָוו, שמועל האַלקין, איציק פעפער, דער ניסטער, איזי כאַריק, אַרן ווערגעליס און אַנדערע.

אַ באַווײַז וועגן דעם אופבלי פון דער סאָוועטישער יי:דישער ליטעראַטור איז דער כוידעש־זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, וועלכער דערשײַנט שוין העכער צוואַנציק יאָר, און די היפּשע טיראַזשן פון יי:דישע ביכער.

שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען איז אומשטערבלעך, פּונקט אַזוי, ווי עס איז אייביק זײַן העלע, הומאַניסטישע, דורכגעדרונגענע מיט ליבע צום מענטשן שאַפונג.

סערגיי בארוזדין

כ'האָב ליב מײַן גאַס

מ. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1985, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, א. טאָקער
קאָרעקטאָר כ. אָסטראָווסקי

Сергей Баруздин

Я ЛЮБЛЮ СВОЮ УЛИЦУ

М., «Советский писатель», 1985, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, А. Токер
Корректор Х. Островский

Сдано в набор 12.04.85. Подписано к печати 18.04.85.
Формат 70Х108 1/32. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
(условн. печ. л. 2,8). Бум. л. 1. Заказ 975. Цена 10 коп.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
Москва, 101000, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 7, 1985

© Журнал «Советиш геймланд», № 7, 1985.